השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
ווינ

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת נשא א׳ שנת תשפ"ג לפ"ק**

### במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג

יום א׳ פרשת נשא א׳ תשפ"ג לפ"ק

**איך** וויל באגריסן די חשוב׳ע עלטערן, די זיידעס, און עלטער-זיידעס וואס זענען געקומען צו די חומש סעודה, פון די קינדער, אייניקלעך, און אור-אייניקלעך. דער באשעפער זאל געבן מען זאל קענען זעהן ווייטער אסאך שמחות און נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**איך** האב דעם שבת גע׳עפענט דעם ספר **מגדלות מרקחים** פונעם **צעהלימער רב זצ"ל** (לפרקי אבות), שרייבט ער, אז די פאריגע וואך אין פרק שטייט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט). עס באגלייט נישט א מענטש נאר תורה ומעשים טובים. ווילאנג מען איז יונג טראכט מען נאר פון עולם הזה, מען ווייסט נישט צו דאנקען דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער גיט, אז מען האט ב"ה א שטוב מיט קינדער, אייניקלעך, אור-אייניקלעך, און מען קען זיי מגדל זיין, צו גיין על דרכי התורה, ווי חשוב דאס דארף זיין ביי א מענטש.

**שטעלט** ער זיך און פרעגט, ער זאגט אין ׳מלוין׳ לו לאדם. תורה און מעשים טובים באגלייט? צדק לפניו יהלך (תהלים פה-יד), די מצות ומעשים טובים וואס מען טוט, גייט פאר אויס פונעם מענטש. ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, גייען זיינע מעשים טובים פאראויס פאר אים, און ער קומט נאכדעם. וואס איז דער אין ׳מלוין׳ לו לאדם, וואס ליווי איז דאך דער טייטש באגלייטן פון אונטען. די תורה ומעשים טובים וואס מען האט געטון, דאס גייט דאך פארענט פונעם מענטש.

**זאגט** ער, אמת, די מעשים טובים וואס מען האט אליין געטון, דאס גייט פארענט פונעם מענטש. אבער אז דער אייבערשטער העלפט, און מען לאזט איבער קינדער, אייניקלעך, וואס גייען אויפן ריכטיגן וועג, זייער תורה ומעשים טובים, דאס באגלייט א מענטש פון אונטען. ווען ער איז שוין ארויפגעגאנגען, ער איז שוין נישט דא, איז דא א ליווי פון תורה ומעשים טובים. נישט קיין כסף, נישט קיין זהב, אבער תורה ומעשים טובים פון די קינדער

**על הטוב יזכר ידידינו מוה"ר יקותיאל יהודה ווייס הי"ו**
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**

לע"נ זקינו מוה"ר **יקותיאל יהודה** ב"ר צבי ע"ה • וזו׳ מרת **רבקה** ב"ר אשר לעמיל ע"ה
ולע"נ זקינו מוה"ר **אשר לעמיל** בן הרב דוד צבי יעקב ע"ה • וזו׳ מרת **שרה** ב"ר ישראל יוסף ע"ה
נעקדה"ש ד׳ סיון – ת.נ.צ.ב.ה.

און די אייניקלעך, דאס טוט מלוה זיין דעם מענטש שפעטער. - עס איז א געוואלדיגער זכות, אז מען קען זיך צוזאמקומען, מען זעהט אז די קינדער און די אייניקלעך הייבן אן צו לערנען חומש, ממשיך צו זיין דעם שלשלת הזהב, איז די שמחה זייער גרויס.

*

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז מען האט געמאכט א חנוכת הנשיאים. ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האט מען זיך געפריידט, און ווען מען איז געקומען צו דעם סיום, צו דעם חינוך, זענען די נשיאים געקומען צו משה רבינו, און זיי האבן געזאגט אז זיי ווילן האבן א חלק אינעם חינוך. מען גייט יעצט מחנך זיין א נייע משכן, אונז וויל מיר ברענגען קרבנות. משה רבינו האט אנגעפרעגט דעם אייבערשטען, און דער באשעפער האט געגעבן רשות אז זיי קענען ברענגען זייערע קרבנות. און פון די גרויסע שמחה פון חנוכת המשכן, אז מען גייט מחנך זיין א נייעם משכן, האט מען געברענגט אזעלכע קרבנות וואס מען קען נישט מקריב זיין אן אנדערס מאל. קטורת יחיד קען מען נישט מקריב זיין, א מענטש קען נישט ברענגען קיין קטורת, עס איז געווען די איינציגסטע מאל וואס א יחיד האט געברענגט קטורת, כף אחת עשרה זהב מלאה קטורת (במדבר ז-יד).

**אין** פסוק נאכדעם איז דא צוויי ערליי אויסדרוקן, אין איין פסוק שטייט (שם ז-פד) זאת חנוכת המשכן ביום המשח אותו, און נאכדעם שטייט (שם פד-פח) זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו. עס שטייט פון **חידושי הרי"ם**, ביום המשח אותו איז ביי יעדן א געוואלדיגע שמחה. יעדע חנוכה וואס א מענטש מאכט, יעדע נייע זאך, איז ביי א מענטש א שמחה. ער פריידט זיך, און ער האט גוטע קבלות, איך גיי מחנך זיין מיין קינד, איך וויל ער זאל אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין. אבער ווען עס גייט אדורך א שטיקל צייט שפעטער, קילט זיך אפ די התעוררות וואס מען האט געהאט, מען נעמט עס נישט מיט אויף שפעטער.

**זאגט** די תורה הק', זאת חנוכת המזבח ביום המשח אותו, ביום המשח איז געווען זאת חנוכת המזבח, עס איז געווען א געוואלדיגער מעמד די חנוכת המזבח, מען האט ארויסגעגעבן די געפילן וואס מען האט, אז מען איז מחנך א משכן פארן אייבערשטען. אבער נישט דאס איז די קונץ, נאר זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו, ווען דו ווועסט שוין האלטן אחרי המשח אותו, ווען עס וועט אי"ה אדורכגיין א פאר טעג, עס וועט אדורכגיין אי"ה יארן פון די חומש סעודה, וואס טוט זיך יעצט מיט די חנוכה, ווי אזוי ביסטו מחנך דיין קינד נאכדעם וואס עס איז שוין אדורכגעגאנגען די חנוכת המשכן. ווען מען וועט האלטן אחרי המשח אותו, נאכדעם וואס מען האט געזאלבט, דארף אנהאלטן די זעלבע געפילן וואס מען האט געהאט ביום המשח אותו, עס זאל נמשך ווערן אויף שפעטער, אויף אחרי המשח אותו.

*

**די** וואך איז די פרשה פון ברכת כהנים, יברכך ה' וישמרך וכו' (במדבר ו-כד). אין מדרש (במדב"ר יא-ה) שטייט, יברכך ה', בבנים. די ערשטע ברכה איז, דער אייבערשטער בענטשט צו האבן קינדער. וישמרך, און ער זאל דיך אפהיטן, מן המזיקים, פון די מזיקים. אז מען שטעלט די צוויי צוזאמען, איז נישט נאר דער אייבערשטער זאל דיך אפהיטן פון מזיקים, נאר מען בעהט יברכך ה', בבנים, דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן מיט קינדער, אבער די בנים האבן אדורכצוגיין א שווער לעבן ביז זיי גייען אויסוואקסן, אז מען זאל זעהן ביי זיי נחת. די מזיקים וואס איז דא אויף די גאס, די מזיקים וואס מען ברענגט אריין אין די שטובער, דאס שאדט אסאך מאל פאר דעם קינד, אז דאס קינד זאל קענען נתחנך ווערן ווי עס דארף צו זיין. נאכדעם וואס עס איז יברכך ה' בבנים, מען האט די קינדער, דארף מען האבן א עקסטערע שמירה, וישמרך מן המזיקים, אז דער אייבערשטער זאל אפהיטן פון די וואס קענען מזיק זיין די בנים, אויף וועם דו האסט געהאט א ברכה.

**מען** לעבט אין אזא שווערע וועלט, מיט די טעכנאלאגיע וואס האט חרוב געמאכט די גאנצע גאס אינדרויסן. די וועלט האט זיך געטוישט פון וואס עס איז געווען מיט צוואנציג יאר צוריק, עס איז א אנדערע סארט וועלט, און מען זינקט פון יאר צו יאר, מען ווייסט נאך נישט וואו מען וועט אנקומען דערמיט. - אבער אונזער עבודה איז, מחנך צו זיין די קינדער, זיי זאלן זיין אפגעהיטן פון די גאס, ווי ווייט מעגליך עס איז, אז מען זאל קענען זעהן ביי זיי שפעטער שיינע פירות.

**מען** דארף זאגן, אז אסאך מאל, **די עלטערן אליין וואס זענען מחנך די קינדער, און זיי ווילן אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין, אסאך מאל זענען זיי די מזיקים אליינס, אז מען גיט נישט אכט, אז די שטוב זאל זיין ווי עס דארף צו זיין.** פון איין זייט וויל ער האבן נחת ביי די קינדער, און פון די אנדערע זייט שטעלט ער נישט צו פאר דעם קינד, וואס ער דארף צו האבן.

**מען** שיקט א קינד אין תלמוד תורה. עס איז נישט קיין שליחות, אזוי ווי שלוחו של אדם כמותו (קידושין מא:). איך קען אים נישט אליין מגדל זיין, איך האב נישט קיין צייט צו לערנען, איך מאך די תלמוד תורה פאר א שליח, אז די תלמוד תורה זאל לערנען מיט אים. און אין אכצן יאר ארום גיט מען אים צוריק א פארטיגע פרי, אויסגעשטעלט ווי ער וואלט ווען געוואלט. ער מאכט יענעם א שליח, וואס נאכדעם וואס ער האט ארויסגעגעבן דעם שליחות, האט ער שוין נישט קיין שום חלק אין דעם, וואס ער דארף עפעס צו טון. שלוחו של אדם כמותו, ער איז מיין שליח, ער וועט טון פאר מיר וואס איך דארף צו טון, און ער דארף נישט צו טון קיין פעולה.

**מען דארף וויסן אז די תלמוד תורה איז נישט אונזער שליח, די תלמוד תורה איז אונזער שותף!** עס איז דא א געוויסע ארבעט וואס עלטערן קענען נישט טון, און דאס טוט די תלמוד תורה. אבער עס איז דא א געוויסע ארבעט וואס די שטוב דארף מחנך זיין א קינד, וואס דאס ווערט נישט גע'פטר'ט מיט שיקן אין די תלמוד תורה. די שטוב דארף זיין אויסגעשטעלט, אז אויסערן לערנען און יודישקייט, דאס ווארימקייט צו יודישקייט, דאס באקומט מען נישט אין תלמוד תורה, דאס באקומט מען פון טאטע מאמע אינדערהיים. אז די שטוב איז א ווארימע שטוב, און מען ווייסט אז אלעס זענען די קינדער, אין די שטוב איז די שותפות א געהעריגע שותפות.

**יעדע זאך וואס מען טוט אין שטוב, דארף מען טראכטען, וואס וועט עס האבן א תוצאה אויף מיין קינד. איך וויל ערגעץ פארן, איך וויל ערגעץ גיין, פאר מיר איז באקוועם יעצט אוועק צוגיין מיט מיין בני בית דא און דארט. וואס וועט זיין די תוצאה פון מיין קינד נאכדעם. ווען ער וועט אהיימקומען פון דארט. וואס וועט ער מיטברענגען? און די זעלבע זאך איז, בנוגע אריינברענגען א זאך אין שטוב, נישט קוקן וואס איז מיר באקוועם.** - טאמער די קינדער זענע ביי דיר די ערשטע זאך אין דיין לעבן, טראכט ביי יעדע זאך, וואס וועט עס מאכן אן השפעה אויף מיין קינד. - יברכך ה', דער אייבערשטער זאל דיך בענטשן בבנים, אבער וישמרך, ער זאל דיך אפהיטן, מן המזיקים, דו אליינס זאלסט נישט זיין פון די וואס זענען מזיק די ברכה פון בנים.

**איך** זאג אסאך מאל, אז **איך באקום טעלעפאנען פון עלטערן וואס פרעגן, אז ביי די באבע אין שטוב איז דא זאכן וואס איך וואלט נישט געוואלט אז מיינע קינדער זאלן זעהן. דארף איך לאזן מיין קינד גיין צו די באבע אין שטוב? וואס זאל מען ענטפערן? זאגן דו קענסט נישט גיין צו א באבע?! און זאגן גיי יא צו די באבע?! די באבע וויל דען נישט האבן קיין ערליכע אייניקלעך, זי איז נישט משים לב וואס די תוצאה וועט זיין. און אך און וויי איז שוין, אז מען דארף פרעגן צו מען קען אריינגיין צו א באבע אין שטוב!**

**פארוואס** זאל מען נישט איבערטראכטן? אונז האב מיר קינדער, די גאס איז אזוי שווער, כאטש אין די צייט וואס מען איז ביי מיר אין שטוב, ווייס איך אז דאס קינד איז אפגעהיטן. מען גייט צום זיידן אין שטוב און צו די באבע אין שטוב, עס איז א אפגעהיטענע שטוב. מען זאל נישט זיין אליין פון די מזיקים וואס טוען אוועקנעמען די ברכה וואס דארף צו זיין.

*

**מען** האט היינט געזאגט הלל, איך האב אינזין געהאט בשעת מען האט געזאגט הלל, מען האט געבעטן (תהלים קטו-יג), יברך יראי ה' הקטנים עם הגדולים, דער אייבערשטער זאל בענטשן די יראי ה', די קליינע מיט די גרויסע. יוסף ה' עליכם, דער באשעפער זאל פאר ענק צוגעבן, עליכם ועל בניכם, אויף ענק און אויף ענקערע קינדער. מען זאגט, יברך יראי ה' הקטנים עם הגדולים, מען זעהט נישט ערגעץ אנדערש ווען מען בעהט עפעס פונעם אייבערשטען, אז די ברכה זאל זיין פאר די קליינע און פאר די גרויסע. כלל ישראל איז איין כלל ישראל, און ווען מען בעהט, בעהט מען פאר די קליינע און פאר די גרויסע, פאר די ווייב און פאר די קינדער. און דא נעמט מען עקסטער ארויס, און מען בעהט יברך יראי ה' הקטנים עם הגדולים.

**עס** איז א עקסטערע ברכה וואס מען בעהט פונעם אייבערשטען. מען לעבט היינט אין א וועלט, וואס די קטנים גייען אוועק פון די וועגן פון די גדולים. עס איז זייער שווער צו ערציען אונזערע קינדער זאלן זיין אזוי ווי אונז זעמיר געווען, אז זיי זאלן אויסקוקן ווי אונזערע זיידעס האבן אויסגעקוקט. און מען בעהט פונעם אייבערשטען, יברך יראי ה', אז דער אייבערשטער זאל בענטשן די יראי ה', אז הקטנים זאלן זיין עם הגדולים! זיי זאלן זיין אויף איין פעידז"ש! וואס די גדולים ווילן, דאס זאלן די קטנים וועלן. און וואס אונז לייג מיר אריין אין זיי, זאל זיך האלטן ביי זיי. עס איז א עקסטערע תפילה וואס מען בעהט, אז דער אייבערשטער זאל בענטשן, אז די קטנים זאלן נישט גיין אויף איין וועג, און די גדולים זאלן גיין אויף א צווייטן וועג. נאר דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן, אונז זאל מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער, די קטנים זאלן זיין עם הגדולים. - וואס איז די עצה דערויף? יוסף ה' עליכם, דער אייבערשטער זאל קודם צוגעבן אויף ענק, און פון ענק וועט עס זיין עליכם ועל בניכם, וועט עס אריבער גיין אויף די קינדער. חינוך פון קינדער הייבט זיך אן, אז די שטוב דארף קודם זיין אזוי אויסגעשטעלט אז מען זאל קענען מחנך זיין אין די שטוב.

**ב"ה** מען זיצט דא, קיין עין הרע, זיידעס, עלטער זיידעס, פונעם פריער'דיגן דור, עס איז דא אויף וועם ארויפצוקוקן. הלוואי זאלן די קינדער, די אייניקלעך, געדענקן שטענדיג ווי אזוי מיין זיידע האט זיך געפירט, און ווי אזוי מיין עלטער זיידע האט זיך געפירט, און ממשיך זיין דעם שלשלת הזהב.

**וויל** איך נאר אזויפיל וואונטשן פאר די עלטערן, דער באשעפער זאל געבן, זיי זאלן קענען ווייטער אויך זעהן אסאך נחת דקדושה ביי די קינדער און ביי אלע קינדער, און זיי קענען ערציען גרינגערהייט. עס זאל זיין יברכך ה' בבנים, מען זאל געבענטשט ווערן מיט קינדער, און עס זאל זיין זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו, וואס גיי מיר אונז טון פון מארגן און ווייטער, אז דער חינוך וואס מען גיט זיי, זאל אנהאלטן! אונז האב מיר א שותפות. אסאך מאל איז דא וואס מען בעהט עפעס פון די תלמוד תורה, און מען הייבט זיך אן צו דינגען, יא, ניין, ניין יא. מען נעמט אוועק דעם גאנצן אפעטיט פון די קינד, אויף וואס מען האט געבעטן. אונז זעמיר שותפים, איין שותף איז נישט אקעגן א צווייטן, א שותף ארבעט צוזאמען. וואס איין שותף דארף, טוט דער צווייטער צו העלפן, אז מען זאל זיך קענען פירן אויף דעם וועג.

**פאר** דעם חשוב'ן נייעם מלמד וויל איך וואונטשן, ער האט אזוי שיין מצליח געווען דאס יאר, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, ער זאל קענען ממשיך זיין די עבודת הקודש. דער מנהל מיט אלע וואס העלפן צו, צו דעם חינוך פון אונזערע קינדער און אונזערע אייניקלעך, זאל דער באשעפער זיי בענטשן מיט נחת ביי די אייגענע קינדער. מען גרייט זיך מקבל צו זיין די תורה די וואך, עס הייבט זיך אן א פרישע קבלת התורה, מיט א פרישע חיות, און א פרישע חשק צוצוגיין מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## ניחום אבלים אצל כ"ק האדמורי"ם מדעעש שליט"א

### שישבו שבעה על פטירת אמם הרבנית מדעעש ע"ה

יום א' פרשת נשא א' תשפ"ג לפ"ק

**רבינו:** וועלכע יאר איז דער זיידע (כ"ק הגה"צ רבי יוסף מדעעש זצ"ל) אוועק?

**האדמו"ר מדעעש:** תשכ"ב.

**רבינו:** איך בין געווען ביים זיידען דא אין בית המדרש תשכ"א. דעמאלטס איז די בית המדרש נאכנישט געווען ארויסגעבויט. עס איז געווען געפעינ"ט זייער שיין. עס איז געווען בילדער אויף די וואנט.

**האדמו"ר מדעעש:** מען האט געדאוועונט צו יענע זייט (לצד דרום).

**רבינו:** יא, דער זיידע איז געזעסן דא אינמיטן בית המדרש, מיטן פנים אהין. פארוואס טאקע?

**האדמו"ר מדעעש ב"ב:** ווייל מזרח איז אויך נישט דארט, עס איז שיף (בין מזרח לדרום). קומט דאך אויס, אז עס איז אדער די זייט, אדער די זייט. ווייל ארץ ישראל איז אויך נישט מזרח פון אמעריקא, עס איז מער דרום. קומט אויס, אז אויב מען וויל דאווענען כנגד ירושלים, וואלט מען געדארפט דאווענען נישט ממש מזרח, נאר מזרח-דרום. ממילא קומט נישט אויס קיין גרויסע נפקא מינה, צו מען האט געמאכט דא די מזרח, צו דארט די מזרח,ביידע זענען נישט פונקט.

**רבינו:** הרוצה להחכים ידרים (בבא בתרא כה:).

**האדמו"ר מדעעש ב"ב:** אין ארץ ישראל אליין, איז ירושלים מער צו דרום. אין צפת און טבריה דאווענט מען נישט צו מזרח, מען דאווענט צו דרום, כנגד ירושלים.

**רבינו:** די גאנצע געגענט נעבן ירושלים, דאווענט יעדער אויף א אנדערע זייט.

**האדמו"ר מדעעש ב"ב:** און די וואס זענען אויף די אנדערע זייט פון ירושלים, אזוי ווי באר שבע און ערד, דאווענט מען צו צפון. אין בבל האט מען געדאווענט צו מערב. אין בית המקדש אליין, האט מען געדאווענט צו מערב.

**רבינו:** ווי אלט איז געווען דער זיידע ווען ער איז אוועק?

**האדמו"ר מדעעש:** זיבן און זעכציג יאר. ער האט אויסגעזעהן אסאך עלטער. ער איז נישט געווען געזונט, ער האט אסאך מיטגעמאכט.

**רבינו:** ווי אזוי ער האט זיך אויסבאהאלטן ביי די קריג מיט די משפחה, איז דאך אויך א זעלטענהייט געווען.

**האדמו"ר מדעעש:** אין וואלד, תחת כיפת השמים.

**האדמו"ר מדעעש ב"ב:** עס איז געווען ביי די פארטיזאנער פארשידענע עלימענטן פון מענטשען, אבער אזא געשטאלט מיט א גאנצע משפחה איז נישט געווען. ניין קינדער זענען זיי געווען.

**רבינו:** פון ווען ביז ווען?

**האדמו"ר מדעעש:** דריי חדשים, צוועלף וואכן. פון פאר שבועות. ביז ער האט זיך אריבערגעשווערצט אויף די רומענישע זייט.

**א' האבלים:** די מיידלעך האבן אין יום טוב געניי'ט די בגדים וואס מען האט געדארפט האבן צו גיין אין וואלד.

**רבינו:** אמאל איז דאס די מצוה.

**האדמו"ר מדעעש:** עס איז דא די מעשה פונעם **מראה יחזקאל זי"ע**, וואס ער איז געווען אויף ראש השנה ביים **רבי פון לובלין**. ער איז דעמאלטס געפארן בנוגע דאס רבנות פונעם **ראפשיצער רב** אין לינסק. און ער האט געוואלט פארן אויף יום הקדוש צום **קאזניצער מגיד**, און דער רבי פון לובלין האט אים אהיימגעשיקט. ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געטראפן אז דאס עלטסטע קינד, רבי חיים בצלאל, דער טאשנאד'ער רב, איז נישט געזונט. עס איז געווען ערב יום הקדוש, האט ער געזאגט פאר די רעבעצין אז זי זאל בלייבן אכטונג געווען אויפן קינד. זי האט זיך אבער אויך געוואלט אריבערכאפן אין בית המדרש אויף כל נדרי, האט זי איבערגעלאזט דאס קינד מיטן משרת. און ער האט מרגיש געווען אז עס איז נישט גוט פארן קינד, איז ער אהיימגעגאנגען אינמיטן דאווענען, און ער האט געטראפן אז דאס קינד פילט זיך זייער נישט גוט. און ער האט אים געוואלט געבן אביסל ווארימע טיי, האט ער עס אנגעווארעמט אויף די געזונטע לעכט, און דאס האט אים געהאלטן דאס חיות. דאס האט דער הייליגער חוזה געזעהן. איז ער נאכדעם צוריקגעפארן צום רבין פון לובלין זאגען א יישר כח פארן ראטעווען דאס קינד, און נעמען א דרך תשובה אויף דעם וואס ער האט מחלל יום טוב געווען.

**רבינו:** מען ברענגט צו פונעם **חזון איש**, אז אמאל איז א יוד נישט געזונט געווען, און ער האט געדארפט עסן יום הקדוש. און ער האט זיך נאכדעם אויסגערעדט פארן חזון איש, אז ער האט געדארפט עסן יום הקדוש. האט אים דער חזון איש געזאגט, איך האב נאך קיינמאל נישט געזעהן, אז ווען א טאטע מל'ט זיין קינד שבת, אז ער זאל קומען בעטן א תיקון אויף חילול שבת...

**האדמו"ר מדעעש:** מען זאגט אויפן **ערשטען בעלזער רב זי"ע**, אז ער האט אויך געמוזט עסן יום הקדוש, און ער האט געגעסן מיט אזא שמחה (עיין בסוף ספר **נחלי בינה** על יום הכיפורים).

**האדמו"ר מדעעש ב"ב:** איינער האט זיך אמאל געשפארט מיטן **חזון איש**, אז ער זאל מסכים זיין אז ער טאר נישט עסן. האט ער אים געזאגט, איר זענט נישט קיין בעל הבית אויף אייער גוף...

ביי **הרב וואזנער זצ"ל** איז געווען א מעשה, עס איז געווען א יוד וואס האט געדארפט עסן יום הקדוש, ער איז געווען א הארץ קראנקער, און הרב וואזנער האט געזארגט יעדע יאר אים צו זאגן אז ער זאל עסן. איינמאל האט זיך יענער ארויסגעדרייט אז ער זאל זיך נישט צוזאמטרעפן מיט הרב וואזנער, און נאכדעם איז ער געקומען און ער האט געזאגט, ב"ה

איך האב געפאסט, און איך פיל זיך גוט. האט אים הרב וואזנער געזאגט, זייער פיין, אבער א דין וחשבון פארן זיין א מאבד עצמו לדעת, ווערסטו דארפן אפגעבן...

## דרשת הכנה למתן תורה בבית המדרש אמונת ישראל בבארא פארק

יום ג' פרשת נשא א' תשפ"ג לפ"ק

**פותחין** בכבוד האכסניא, מען הייבט אן מיט די כבוד פון די חשוב'ע אכסניא של תורה, א בית שמגדלין בו תורה ותפלה, א בית המדרש וואו מען זיצט א גאנצן טאג און מען איז עוסק בתורה. א בית המדרש ווי מען דאווענט די תפלות במתינות, אזוי ווי מען דארף צו דאווענען. אן עדה חשובה וואס איז זוכה צו הערן דברי תורה תמידין כסדרן פון זייער רבי'ן, דער משגיח, פון די שיירי כנסת הגדולה, ה' יאריך ימיו ושנותיו. א בית המדרש וואס די ווענט זענען איינגעזאפט מיט אהבת תורה און יראת שמים, פון די תורות און די תפלות וואס גייען אדורך אין דעם מקום. עס איז באמת זייער שווער זיך אויפצושטעלן און רעדן אין אזא חשוב פלאץ. - אבער עס איז נאך שווערער מסרב צו זיין לגדול. מען האט מיר געבעטן איך זאל קומען רעדן א פאר ווערטער, איך האב נישט געקענט אפזאגן.

**און** בפרט וואס מען געפונט אין די פרשה פון קבלת התורה די הנהגה, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, און משה רבינו האט זיך אזוי אויפגעפירט נאכדעם, אז ווען עס קומט צו רעדן תורה צו יודען, דארף א מענטש אוועקגעבן אלע זיינע פריוואטע זאכן, כדי צו לערנען תורה. נאכדעם וואס יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, איז משה רבינו ארויפגעגאנגען אין הימל, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, לך אל העם וקדשתם היום ומחר, ער זאל גיין צו יודען, און זיי מקדש זיין די צווי טעג, והיו נכונים ליום השלישי, און יודען זאלן זיין גרייט צום דריטן טאג, ווען דער אייבערשטער וועט אראפקומען און געבן די תורה. וירד משה מן ההר אל העם (שמות יט-יד), משה רבינו איז צוריק אראפגעקומען פונעם בארג, און ער איז גראד געגאנגען צום פאלק, ויקדש את העם, און ער האט זיי מקדש געווען, ווי די תורה זאגט שפעטער. רש"י זאגט, מן ההר אל העם, ער איז אראפגעקומען פון בארג צום פאלק, שלא היה משה פונה לעסקיו, משה רבינו איז נישט געגאנגען טון זיינע געשעפטן, אלא מן ההר אל העם, גראד ווען ער איז אראפגעקומען פונעם בארג, איז ער געגאנגען צו יודען, און ער האט זיי איבערגעגעבן די ווערטער פונעם אייבערשטען. - משה רבינו האט אונז געלערנט, אז בשעת מען דארף מקדש זיין דעם פאלק, בשעת מען דארף זיך צוגרייטן צו מתן תורה, איז נישט דא קיין אייגענע עסקים. שלא היה משה פונה לעסקיו, ער האט אוועק געגעבן אלעס פון זיינע עסקים, און ער איז געגאנגען מן ההר, פונעם בארג, איז ער גראד געגאנגען אל העם.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בדרשות רפה:) שטעלט זיך און ער פרעגט, וואס איז דער חידוש אז משה רבינו האט זיך נישט מפנה געווען צו זיינע עסקים ביי זיך אין שטוב, שום אדם לא יעשה כן אפילו למלך בשר ודם. אז א מלך שיקט איינעם מיט א שליחות, ווער וועט טון אזא זאך, אז ער וועט קודם טון זיינע עסקים, בעפאר ער וועט טון וואס דער מלך האט געהייסן. והאיך יעלה על הדעת, אז משה רבינו זאל קודם גיין צו זיינע עסקים, אז די תורה דארף עס פארציילן, וירד משה מן ההר אל העם, פון ההר איז ער געגאנגען גראד צו דעם פאלק. - און די קשיא גייט נאך שטערקער, וואס זענען שוין געווען די גרויסע עסקים וואס משה רבינו האט געהאט צו טון אינעם במדבר. משה רבינו האט נישט געפירט קיין ביזנעס, קיין געשעפטן, ער איז מן הסתם געווען דער ארימסטער יוד וואס איז געווען אין מדבר אין יענע צייטן. ער האט נישט געהאט קיין ביזת מצרים, ווייל ער איז נישט געווען אינעם שיעבוד. ער האט נישט עוסק געווען ביי ביזת הים, ווייל ער איז געווען פארנומען מיט עצמות יוסף, חכם לב יקח מצוות (משלי י-ח). וואס זענען די עסקים וואס משה רבינו וואלט זיך געדארפט מפנה זיין, ער גייט נישט צו זיינע געשעפטן, נאר ער גייט מן ההר אל העם.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, ער זאגט א געוואלדיגען חידוש דערין, משה רבינו קומט אראפ פון הימל מיט א מצוה פונעם אייבערשטען, מען דארף זיך רישן צו מתן תורה, מען דארף זיך מקדש זיין, פרישה מיט הגבלה. יעדע מינוט וואס א מענטש גיט צו, צו די הכנה פון מתן תורה, וועט ער אלץ זוכה זיין צו א גרעסערע השגה אין תורה. ווייל לויט די הכנות וואס א מענטש גרייט זיך צו, אזוי איז ער זוכה שפעטער. מיט וויפיל קדושה און פרישה ער וועט זיך צוגרייטן, וועט זיין קבלת התורה זיין אן אנדערע קבלה. און דער הייליגער חתם סופר זאגט, יש קונה עולמו בשעה אחת. עס קען אמאל זיין, ער האט איין גוטע מינוט, ער האט געהאט די ריכטיגע הכנה, קען ער קונה זיין וואס מען דארף האבן אסאך מאל מערערע צייטן. און דער עיקר, זאגט ער, איז העיון במחשבה, טראכטן, זיך צוגרייטן צו קבלת התורה, דאס איז געווען די הכנה.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, משה רבינו קומט אראפ פון אויבן, און ער ווייסט אז מען דארף זיך יעצט צוגרייטן צו מתן התורה, וואלט ער געדארפט קודם אהיים גיין צו זיך אין שטוב, צו זיינע קינדער, און זאגן, גרייטס ענק צו, צו מתן תורה. אז עטץ וועטס ענק קודם צוגרייטן, וועט עטץ האבן זיך צוגעגרייט מיט א שעה לענגער, בעפאר איך וועל עס איבערגעבן אל העם, און עטץ וועטס זוכה זיין שפעטער צו אן השגה פון מתן תורה וואס וועט איבערשטייגן יעדן איינעם. - משה רבינו האט נישט אזוי געטון. כאטש, זאגט ער, עס איז דא א מצוה אויף א טאטען ללמד את בנו תורה (קידושין כט.), משה רבינו וואלט נישט געטון קיין שום עוולה, ער וויל איבערגעבן פאר זיינע קינדער די מצות ה' קודם, פון דעסטוועגן דאך, האט משה רבינו נישט אזוי געטון. נאר מן ההר אל העם, ער איז אראפ פון בארג, ולא היה פונה אל עסקיו, זיינע עסקים זענען מגדל צו זיין זיינע קינדער, אפילו אויף דעם האט ער נישט געקוקט, ער איז גראד אראפגעגאנגען אל העם.

**וואס** די תורה לערנט אונז מיט דעם, ווי פריער א מענטש גרייט זיך צו, צו מתן תורה, האט עס א געוואלדיגן חשיבות, ער זאל קענען זוכה זיין שפעטער. יש קונה עולמו ברגע אחד, אין איין רגע קען ער קונה זיין עולמו. - דער חתם סופר רעדט פון די קינדער, אבער משה רבינו פאר זיך אליין, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), וואלט ער דאך קודם געקענט זיך אראפזעצן ביי זיך אין שטוב, אביסל התבודדות, ער קומט אראפ פון הימל, איך דארף זיך צוגרייטן צו מתן תורה, איך דארף צוגרייטן מיינע קינדער צו מתן תורה. וירד משה מן ההר אל העם, ווען עס קומט צו רעדן צו יודען, צו דברי תורה, דארף א מענטש אוועקלייגן אלע אייגענע צרכים. נישט קוקען אויף זיך, נישט קוקען אויף זיינע קינדער, נאר מן ההר איז ער גראד געגאנגען אל העם, ויקדש את העם, ער האט מקדש געווען כלל ישראל. ווייל מקדש זיין יודען, דאס קומט פריער פון אייגענע עסקים, און אפילו פון די עסקים פון די אייגענע קינדער.

*

**וואס** מתן תורה איז, דארף מען דאך נישט זאגן. צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה, בעטרה שעטרה לו אמו, ביום חתונתו וביום שמחת לבו (שיר ג-יא). עס שטייט אין די משנה (תענית כו:), ביום חתונתו, זו מתן תורה. די טאג פון א חתונה, איז ביי א מענטש די העכסטע טאג אין זיין לעבן, וואס ער איז זוכה אויפצושטעלן א שטוב. און מתן תורה איז ביי אונז דער יום חתונתו, דער טאג פון אונזער חתונה. ווי עס שטייט אין די גמרא (יבמות סב:), אזוי ווי אין גשמיות איז לא טוב היות האדם לבדו (בראשית ב-יח), א מענטש אליין איז נישט גוט, שרוי בלא אשה, שרוי בלא שמחה, בלא טובה, בלא ברכה, אז מען האט נישט חתונה, פעלט אלעס אינעם שטוב. די זעלבע איז אין רוחניות, ביז ווילאנג מען האט נישט קיין תורה, איז דאס לעבן פונעם מענטש א ליידיג לעבן, עס איז נישט דא דערין קיין שום גוטס, עס איז נישט דא קיין שום טובה, א וועלט וואס מען פלאגט זיך דערמיט פון צופרי ביז ביינאכט, די איינציגסטע חשיבות וואס א מענטש האט, איז נאר ווייל מיר זענען יודען, און מיר זענען עוסק בתורה.

**א** יוד וואס איז שרוי בלא תורה, האט נאך נישט טועם געווען קיין טעם פון א אמת'דיגע שמחה, בימיו. עס איז נישט דא קיין שמחה פון הבלי עולם הזה, אלעס איז פארגענגליך, ער איז זיך משמח ומתענג אויף א קורצע צייט, נאכדעם איז ער ווייטער צוריק הונגעריג אויף וואס ער האט געזוכט. עס איז אזוי ווי א מענטש וואס איז דורשטיג, און ער טרינקט נאכדעם געזאלצן וואסער, וואס עס שטייט אין **חובת הלבבות** (שער הבטחון פרק ד), אז עס האט אים טאקע געזעטיגט

אויף א מינוט, אבער עס האט אים נאכדעם געברענגט נאך מער צמאון פון וואס עס איז געווען פאר דעם, און די זעלבע איז הבלי עולם הזה. תורה, דאס איז די איינציגסטע זאך, וואס איז אמת'דיג טוב, די אמת'דיגע גוטס. די אמת'דיגע שמחה וואס א יוד קען האבן, איז נאר פון תורה הק'.

**און** דאס איז דער יום טוב פון מתן תורה, דאס איז דער יום חתונתו, דאס איז אונזער חתונה טאג מיטן אייבערשטען. כלל ישראל, כלה קרויה בנעימה, די תורה הק' ווערט אנגערופן כלה, דער אייבערשטער איז זה דודי וזה רעי (שיר ה-טז), גאנץ שיר השירים איז אויפגעשטעלט אויף דעם קשר פון יודען מיטן אייבערשטען, א בחינה פון אירוסין. און אונז שטיי מיר יעצט א פאר טעג פאר אונזער חתונה. נישט א חתונה וואס איז שוין געווען אמאל, און אונז מאך מיר נאר א זכר צו אונזער חתונה, אן עניווערסער"י וואס עס איז אדורכגעגאנגען אזויפיל יאר פון מתן תורה. נאר עס איז בכל יום ויום יהיה בעיניך כחדשים (תנחומא תבא א), יעדן טאג דארף זיין ביי אונז כחדשים, אזוי ווי ניי! אונז גיי מיר יעצט צו א נייע מתן תורה וואס אונז האב מיר נאך נישט געהאט פון פאר דעם! עס איז נישט קיין דמיון וואס מען זאגט יהיה בעיניך כחדשים, דו זאלסט זיך דמיון'נען אזוי ווי עס איז ניי, נאר עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדעס יאר איז דא א נייע מתן תורה פאר יודען! עס איז דא הארה פון מתן תורה וואס קומט אראפ פאר א יוד, וואס דאס איז נישט געווען פאר דעם, און עס איז נישט דא נאכדעם, יעדעס יאר איז עס א עקסטערע יום חתונתו. אזוי ווייט, אז צדיקים האבן שבועות זוכה געווען צו הערן קולות וברקים, אזוי ווי ביי מתן תורה, איז דאך טייטש, אז עס איז דא א ענין פון קולות וברקים! עס איז ממש דא, דער מתן תורה חזר'ט זיך איבער ביי יעדן יוד!

**און** עס איז נישט נאר יום חתונתו, דער טאג פון אונזער חתונה, עס איז יום שמחת לבו. עס דארף זיין ביי א יוד, דאס איז די שמחה פון זיין הארץ. די חתונה איז נישט א געצווינגענע חתונה, כפה עליהם הר כגיגית, מען האט נישט קיין ברירה, און מען איז מקבל די תורה. דאס איז נישט קיין שמחה פון א חתונה פון א זיווג שני, א זיווג שלישי, נאך אזויפיל יארן איז דא נאכאמאל א זיווג. - דאס איז ביי אונז כחדשים! על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו, ודבק באשתו (בראשית ב-כד), איבערלאזן אלעס פון עולם הזה, און זיך מדבק זיין אין די תורה הק'.

**ווען** א מענטש האט חתונה, איז ער נישט מסיח דעת פון זיין שטוב. זיין גאנצע קאפ איז אים נאר אויף די שטוב, אויף זיין היים, אויף די בני בית און אויף די קינדער. אפילו ווען ער גייט אוועק פון איין מקום אויפן אנדערן מקום, ווען ער איז ביי די ארבעט, און ווען ער פארט אוועק, איז זיין קאפ נישט דארט, זיין קאפ איז אים אלץ אין שטוב, וואס מען קען טון פאר די שטוב, וואס טוט זיך יעצט אין שטוב. ווען ער פארט אוועק, וועט ער אויפהייבן דעם טעלעפאון און רופן פון דערווייטנס, הערן וואס עס טוט זיך אינדערהיים. דאס איז אונזער שטוב. אונזער חתונה טאג מיטן אייבערשטען איז די וואך. עס איז יום חתונתו, און עס איז יום שמחת לבו. און פון ווען מען האט חתונה, איז דער גאנצער קאפ צו זיין דבוק אינעם אייבערשטען! דאס איז דער והגית בו יומם ולילה, טאג און נאכט ליגט א יוד אין דעם, צו זיין דבוק אינעם באשעפער.

*

**חז"ל** (אבות ו-ג) זאגן, אין טוב אלא תורה, אמת'דיג טוב, איז נישט דא עפעס אנדערש, נאר תורה. אין הייליגע ספרים שטייט, אז די וועלט איז איינגעטיילט אין דריי חלקים. עס איז דא זאכן וואס איז ערב, מועיל, און טוב. 'ערב', עס איז דא זאכן וואס איז אנגענעם, אבער דאס מיינט נאך נישט אז עס איז גוט. א מענטש קען אמאל עסן א מאכל, עס איז זייער אנגענעם, אבער עס וועט אים קראנק מאכן, ער וועט שפעטער ליידן דערפון. עס האט אן עריבות, עס האט א זיסן טעם, אבער עס זאגט נאך נישט אז עס איז גוט. עס איז דא זאכן וואס זענען 'מועיל' ווערט עס אנגערופן, עס איז נוצליך פאר א מענטש, געלט האט נישט קיין טעם, מען קען עס נישט טועם זיין, אבער דער נוצן דערפון איז דא. תורה דאס איז 'טוב' לאמיתו, אמת'דיג גוט! אין תורה דארט ליגט אלעס. דארט ליגט תענוגי עולם הזה, מתוקים מדבש ונופת צופים (תהלים יט-יא). דער הייליגער **אור החיים הק'** שרייבט (פ' כי תבוא), ווען מען וואלט טועם געווען דעם טעם פון תורה, היו משתגעים כדי נאכצולויפן נאך תורה. אין טוב אלא תורה, אז מען וויל אנרופן א זאך, אז עס איז נוצליך פאר א מענטש, און עס איז בא'טעמ'ט פאר א מענטש, און עס איז גוט פאר

אים, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, איז דאס נאר תורה הק'.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א כוונה. מען ווייסט אז ביי מתן תורה איז געווען קפיצת הארץ. ווען מען איז געקומען פון רפידים אויף מדבר, שטייט אין פסוק (שמות יט-א), ביום הזה באו מדבר סיני. עס איז דא איין דעה אין די גמרא (שבת פו:), אז אין דעם טאג וואס זיי זענען אוועקגעפארן, אין דעם טאג זענען זיי אנגעקומען. זיי האבן זיך ארויסגעלאזט פון רפידים, און מען איז תיכף אנגעקומען אויף מדבר סיני, עס איז געווען קפיצת הארץ.

**דער** הייליגער **אור החיים הק'** (שמות יט-כ) שרייבט, אז ביי מתן תורה איז געווען נאך א קפיצת הארץ. עס שטייט אין פסוק (שם) וירד ה' על הר סיני, דער אייבערשטער איז אראפגעקומען אויפן בארג סיני, אל ראש ההר, צום שפיץ פונעם בארג. זאגט דער הייליגער אור החיים הק', ווען דער באשעפער האט זיך כביכול אראפגעלאזט פונעם הימל אראפצוקומען אויף דעם בארג, האט דער בארג סיני געגעבן א שפרינג ארויף פון אונטען צום אייבערשטען, אזוי ווי א עבד וואס לויפט אקעגן דעם הער. א דומם, וואס האט נישט אין זיך קיין נשמה, אבער די קדושה וואס איז דא אין יעדן דומם, ציהט צו קדושה, האט זיך דער דומם אויפגעהויבן ארויף צום אייבערשטען. טייטשט דער אור החיים הק', 'וירד ה' על הר סיני', ווען דער באשעפער האט אנגעהויבן אראפצוקומען אויפן בארג סיני, איז ער תיכף געווען 'אל ראש ההר', תיכף איז ער אנגעקומען צום ראש ההר, ווייל דער הר האט זיך אויפגעהויבן, עס איז ארויפגעגאנגען אויבן. דאס איז טייטש, אז ביי מתן תורה האבן יודען געהאט קפיצת הארץ, און דער בארג אליין איז אויך ארויפגעקומען צום אייבערשטען.

**און** עס איז אויך געווען קפיצת השמים. רש"י (שם) ברענגט צו, דא שטייט וירד ה' על הר סיני, דער באשעפער איז אראפגעקומען אויפן בארג, און דער פסוק (שם כ-יט) זאגט כי מן השמים דברתי אליכם, אז דער אייבערשטער האט גערעדט צו אונז פון הימל? זאגט אויף דעם רש"י, ער ברענגט צו א מכילתא, שהרכין שמים עליונים ותחתונים, דער באשעפער האט אראפגעברענגט אלע הימלען פון אויבן, די עליונים ותחתונים, והציען על גבי הר, און ער האט עס אויסגעשפרייט אויפן בארג, כמצע על המטה, אזוי ווי מען לייגט בעט-געוואנט אויף א בעט, וירד כסא הכבוד עליהם, און דער כסא הכבוד איז אראפגעקומען אויף דעם. - קומט אויס אז ביי מתן תורה איז געווען קפיצת הארץ פאר יודען וואס זענען אהין אנגעקומען. און דער בארג איז געשפרינגען צו דעם אייבערשטען. און דער הימל איז אראפגעשפרינגען אונטען אויף די וועלט. פון אלע זייטן האט זיך געטון א קפיצה.

**מען** געפונט ביי אליעזר עבד אברהם, וואס ער האט אויך געהאט קפיצת הדרך, בשעת ער איז געגאנגען זוכן א שידוך פאר יצחק. ואבוא היום אל העין (בראשית כד-מב), זאגט רש"י, היום יצאתי והיום באתי, היינט בין איך ארויסגעפארן, און היינט בין איך אנגעקומען, מכאן שקפצה לו הארץ (סנהדרין צה.), ער האט געהאט קפיצת הארץ. דער **עבודת ישראל** (פ' חיי שרה) ברענגט צו פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז דער שם פון קפיצת הארץ איז א-ה-ו-ה, וואס קומט ארויס פון די ראשי תיבות פון בראשית ברא אלקים א'ת ה'שמים ו'את ה'ארץ. זאגט דער הייליגער בעל שם טוב הק', ו'אבוא ה'יום א'ל ה'עין, איז אויך די זעלבע ראשי תיבות, 'מכאן' שקפצה לו הארץ, פון די אותיות וואס עס שטייט דא, האט ער געהאט קפיצת הארץ.

**עס** שטייט פונעם **פריער'דיגן בעלזער רב זי"ע**, האט ער געזאגט, אז דער פסוק זאגט פאר דעם (שם כד-י) ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו, אליעזר האט גענומען צען גמלים, וילך, און ער איז געגאנגען, וכל טוב אדוניו בידו, און ער האט אויך מיטגענומען טוב אדוניו, ויקם, ער האט זיך אויפגעהויבן, וילך, און ער איז געגאנגען. זאגט דער הייליגער בעלזער רב זייער א שיין ווארט, אברהם האט איבערגעגעבן פאר אליעזר דעם שם פון קפיצת הארץ ער זאל קענען גיין אויפן וועג, ער האט אים געזאגט, ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ (שם כד-ג), א'לקי ה'שמים ו'אלקי ה'ארץ איז אויך דער שם.

**דער** שם א-ה-ו-ה באטרעפט זיבצן. זאגט דער בעלזער רב, ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו, ער האט גענומען די גמלים, וילך, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, וכל טוב אדוניו, טו"ב איז זיבעצן. וכל טוב אדוניו, דעם שם א-ה-ו-ה וואס באטרעפט זיבעצן, וואס ער האט מקבל געווען פון אדוניו, בידו, האט ער זיך יעצט באנוצט דערמיט.

ויקם, איז ער געשטאנען אויף איין פלאץ, און וילך, און ער איז געגאנגען, ער האט געהאט קפיצת הארץ. ער האט נישט געדארפט צו גיין, נאר ער איז געשטאנען אויף איין פלאץ, און פון דארט איז ער געגאנגען ווייטער.

**קומט** אויס, אז דער שם פון קפיצת הארץ איז אהו"ה און דאס איז בגימטריא זיבעצן. און דאס איז אויך נרמז ביי מתן תורה. ביום הזה באו מדבר סיני, 'הזה' באטרעפט אויך זיבעצן. זיי זענען געקומען פון רפידים קיין סיני, מיט דעם שם פון קפיצת הארץ. - און אזוי ווי ביי מתן תורה איז דאך געווען קפיצת הארץ פון אלע זייטן, וואס דאס איז דאך דער שם פון א-ה-ו-ה, איז אין טו"ב אלא תורה, דאס אז עס זאל זיך צוזאמקומען דער שם פון טו"ב, סיי פאר די הימל, און סיי פאר די ערד, דאס איז געווען בשעת מתן תורה, די ערד איז ארויפגעגאנגען צום אייבערשטען, און די הימל איז אראפגעקומען אויפן בארג, עס איז געווען קפיצת הארץ פון דעם שם.

*

**אבער** עס איז געווען נאך א קפיצת הארץ ביי מתן תורה. עס שטייט אין ילקוט ראובני (פרשת יתרו), ער ברענגט צו א מדרש, אז בשעת קבלת התורה נעקר הר המוריה ובא למדבר סיני. דער מקום המקדש, דער הר המוריה, איז אויסגעריסן געווארן פון איר פלאץ, און עס איז געקומען אויפן בארג סיני, כדי מען זאל געבן די תורה אויך אויפן הר המוריה. פארוואס האט דער אייבערשטער געברענגט הר המוריה אהין צו קבלת התורה?

**מען** זאגט נאך פונעם **צאנזער רב זי"ע**, אז ער איז אמאל געזעסן מיט א גדול בתורה, א גאון, און געשמועסט אין לערנען. אינמיטן האט מען אים געזאגט, אז דער **צמח צדיק פון וויזניץ** איז אנגעקומען אויף א וויזיט, האט ער זיך אויפגעהויבן אינמיטן שמועסן, און ער איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין. און מען האט פארגעהאלטן שפעטער דעם הייליגן צאנזער רב, אז עס איז נישט געווען לכבודו פון דעם גדול, אז ער זאל אים איבערלאזן אינמיטן שמועס, און ארויסגיין מקבל פנים זיין דעם צמח צדיק. האט דער צאנזער רב געזאגט, דער אייבערשטער האט צוויי חשוב'ע בערג, ער האט דעם הר סיני, עס איז א חשוב'ער בארג, און ער האט דעם הר המוריה. אויפן הר סיני האט ער געגעבן די תורה, און אויפן הר המוריה איז געווען די עקידה פון יצחק. ווען ער האט געדארפט בויען א בית המקדש, האט ער נישט געזאגט מען זאל בויען דעם בית המקדש אויפן בארג סיני וואו מען האט געגעבן די תורה, נאר מען זאל בויען דעם בית המקדש אויפן הר המוריה, וואו עס איז געווען עקידת יצחק. ווייל מסירת נפש פארן אייבערשטען איז חשוב'ער ווי תורה. דער הר המוריה וואו עס איז געווען מסירת נפש, האט דער אייבערשטער מער מחשיב געווען ווי דעם בארג סיני, און דארט זאל מען בויען זיין בית המקדש. ווייל דער באשעפער האט געוואלט ווייזן מיט דעם, אז מען דארף מקבל זיין די ווערטער פונעם אייבערשטען במסירת נפש. - דער צאנזער רב האט זיך געוואלט מיט דעם פארענטפערן, אז דער צמח צדיק איז זיך מוסר נפש פארן אייבערשטען, האט ער אים מקרב געווען.

**און** דאס האט דער אייבערשטער געטון ביי מתן תורה. עס איז נישט גענוג אז מען איז מקבל די תורה. נאר קבלת התורה דארף צו זיין מיט מסירת נפש. ווען עס קומט אן גרינג צו לערנען, דאווענען, טון מצות ומעשים טובים, און מען איז א וואוילער יוד, עס איז זייער חשוב, אבער נישט דאס איז דער עיקר וואס פארלאנגט זיך פון א מענטש. ווען עס קומט אים אן שווער, און פון דעסטוועגן דאך קוקט ער נישט אויף די שוועריקייטן, און עס איז ביי אים חשוב'ער צו טון דעם רצון ה', פון אלע אנדערע זאכן, דאס איז די ריכטיגע קבלת התורה וואס מען דארף אויף זיך מקבל זיין.

**יצחק** איז געגאנגען צו די עקידה, איין ווארט האט מען אים געזאגט, אלקים יראה לו השה לעולה בני, וילכו שניהם יחדיו (בראשית כב-ח), ער האט נישט געפרעגט קיין קשיות, און זיך נישט געדינגען מיט אברהם אבינו, פארוואס? פארוואן? נאר יחדיו. אברהם גייט שוין דריי טעג אויפן וועג און ער איז רוהיג, און יצחק פון איין מינוט אויף די אנדערע, איז ער גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען.

**ווען** דער באשעפער איז אראפגעקומען געבן פאר אונז די תורה אויפן בארג סיני, האט דער אייבערשטער גענומען דעם הר המוריה, און ער האט עס מיטגעברענגט אהין אויפן בארג סיני. דער באשעפער האט אונז געוואלט לערנען, איך געב ענק

די תורה, אבער די חשיבות פון תורה איז נישט סתם מקבל זיין די תורה וועגן עס איז גרינג. נאר הר המוריה, ווען מען איז גרייט פאר מסירת נפש, אזוי ווי יצחק האט זיך געלאזט שחט'ן פאר'ן אייבערשטען, דאס איז דער עיקר חשיבות פון תורה.

*

**עס** קען זיין נאך א טעם פארוואס דער אייבערשטער האט אהין געברענגט דעם הר המוריה. די גמרא (סוטה ה.) זאגט, מרום וקדוש אשכון, זאגט דער אייבערשטער, איך רוה במרום, אויבן אין הימל, ואת דכא ושפל רוח (ישעיה נז-טו), און ביי א דכא ושפל רוח. ביי א מענטש וואס איז צובראכן, און ער איז א שפל רוח, איז דא השראת השכינה. די גמרא דינגט זיך, צו אתי דכא, צו דער אייבערשטער הייבט אויף דעם דכא צו זיך, אתי, איך נעם אים ארויף צו מיר, דאס איז דער אשכון את דכא. צו אני את דכא, איך גיי אראפ אונטן צו דעם דכא. ומסתבר, זאגט די גמרא, כמאן דאמר אני את דכא, שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני, דער באשעפער איז אראפגעקומען צו דעם דכא, צו דעם נידריגן בארג איז ער אראפגעקומען אונטען, און ער האט נישט אויפגעהויבן דעם בארג סיני צו זיך.

**אמר** רב יוסף, לעולם ילמוד אדם מדעת קונו, מען דארף זיך אראפלערנען פונעם אייבערשטען, ליב צו האבן ענוה און שפלות רוח, שהרי הקדוש ברוך הוא הניח כל הרים וגבעות, דער באשעפער האט איבערגעלאזט אלע גרויסע בערג, והשרה שכינתו על הר סיני, און ער האט משרה געווען די שכינה אויפן בארג סיני. הר סיני איז געווען דער נמוך שבהרים, פון די קלענסטע בערג, תבור און כרמל זענען געקומען אז מען זאל געבן די תורה אויף זיי, און דער אייבערשטער האט געזאגט, גבנונים (תהלים סח-יז), עטץ זענטס אלע בעלי מומין (מגילה כט.). דער באשעפער גיט די תורה וואו עס איז דא ענוה. דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני, אונז צו לערנען די מדה פון ענוה און שפלות רוח. דאס איז הר סיני, נמוך שבהרים.

**לאמיר** צוריק גיין צום הר המוריה. וואס איז דער הר המוריה, וואס פאר א בארג איז דאס. אין די גמרא (סנהדרין פז.) קוקט אויס, אז הר המוריה איז פון די העכסטע בערג וואס איז דא אין ארץ ישראל. די גמרא זאגט, וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך בו (דברים יז-ח), דו זאלסט זיך אויפהייבן, און ארויפגיין צו דעם פלאץ וואס דער באשעפער וועט בוחר זיין. מען האט נישט געוואוסט וואו עס איז דער פלאץ אשר יבחר ה' אלקיך, דער באשעפער האט נישט געזאגט וואו דער מקום המקדש איז, וואו ער וועט בוחר זיין. און מען האט עס ארויסגעלערנט פון וקמת ועלית, אז עס מוז זיין אויף א פלאץ ווי עס וועט זיין אן עליה, מען מוז אהין ארויפגיין. מען קען נישט אראפגיין, נאר ארויפגיין. זאגט אויף דעם די גמרא, מלמד שבית המקדש גבוה מארץ ישראל, דער בית המקדש שטייט אויפן העכסטן פלאץ וואס איז דא אין ארץ ישראל. און רש"י זאגט דערויף, אין לך עיר בארץ ישראל שאין ירושלים גבוה ממנה, עס איז נישט דא קיין שטאט אין ארץ ישראל, וואס ירושלים זאל נישט זיין העכער פון איר. און אין דעם העכסטן שטאט ירושלים, דארט אויף דעם הר המוריה, האט מען געשטעלט דעם בית המקדש.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא וירא כב), אז ווען אברהם אבינו איז געקומען צו די עקידה, איז עס געווען א עמק, א גראדע פלאץ, עס איז נישט געווען קיין בארג. און אברהם אבינו האט מתפלל געווען, אין כבודו של מלך לשכון בעמק, עס איז נישט קיין כבוד פארן מלך, ונעשה הר, און עס איז געווארן א בארג. אשר יאמר 'היום' בהר ה' יראה (בראשית כב-יד), מיט זיין דיבור איז עס געווארן א בארג. - קומט אויס, אז הר סיני מיט הר המוריה, זענען צוויי פארקערטע וועלטן. הר סיני דאס איז דער נמוך שבהרים, און הר המוריה דאס איז דער וקמת ועלית, דאס איז דער העכסטער מקום.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (בדרשות לשבועות רצד., ובנדמ"ח דרוש כב), אז דער ענין דערפון איז, צו עבודת ה' דארף א יוד האבן ביידע מדות. עס איז זייער חשוב די מדה פון ענוה און שפלות רוח. צו וואס מען איז אנגעקומען, זאל מען וויסן אז מען איז נאך נישט אנגעקומען צו וואס מען דארף צוקומען. און אז מען האט יא זוכה געווען צו עפעס א מדריגה, איז דאס א מתנת אלקים, וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, נישט שטאלצירן מיט א זאך וואס מען האט זוכה געווען. דאס איז דער אתי את דכא, וואס דער אייבערשטער רוהט נאר דארט וואו עס איז דא ענוה און שפלות רוח. דאס איז איין זייט פון די מטבע.

**פון** די אנדערע זייט, דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה׳ (דברי הימים ב יז-ו). יא, מיר זענען שטאלץ, מיר האבן א נשמה, א חלק אלקי ממעל, אונז זעמיר א חלק פונעם אייבערשטען. יעדע זאך וואס א יוד טוט, איז נוגע אויבן אין גבהי מרומים, ישראל זענען נותנין כח בפמליא של מעלה (זוה״ק ח״ב לב:), ישראל זענען מתישין כח בפמליא של מעלה (איכ״ר א-לג), וואס אונז ריר מיר זיך דא אויף די וועלט, דריי מיר אונז עולמות אויבן, אזוי צו אזוי. - ווען עס קומט צו טון א מצוה, איז דא אמאל וואס א מענטש איז ביי זיך צובראכן, וואס איז שוין מיין מצוה ווערד, וואס איז שוין מיין דאווענען, וואס איז שוין מיין לערנען, וכדומה. וואס עס שטייט אין הייליגע ספרים, כי הלל רשע על תאוות נפשו (תהלים י-ג), דער יצר הרע מאכט דעם מענטש דעמאלטס פאר א הלל, כדי ער זאל זיך נישט אויפהייבן צו טון מצות פארן אייבערשטען (הובא באור החכמה (פ׳ ויחי) בשם הבעל שם טוב הק׳ זי״ע). א יוד דארף טון א מצוה מיט א שמחה, מיט א פרייליכקייט. און וויסן זיין געוואלדיגן חשיבות, אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירושתינו, אשרינו כשאנו משכימים ומעריבים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. פון איין זייט דארף זיין ענוה מיט שפלות רוח, און פון די אנדערע זייט דארף מען זיך אויפהייבן מיט א געוואלדיגע שמחה, ווען עס קומט צו עבודת ה׳.

**און** דאס זענען די צוויי בערג, זאגט דער הייליגער חתם סופר.ביידע בערג זענען הייליג, הר סיני איז הייליג און הר המוריה איז הייליג. הר סיני לערנט אונז די מדה פון ענוה, הר המוריה לערנט אונז ויגבה לבו בדרכי ה׳. זאגט דער הייליגער חתם סופר, צדקתך כהררי אל (תהלים לו-ז), דער אייבערשטער האט צוויי בערג, הר סיני מיט הר המוריה. צדקתך, דיין ערליכקייט דארף זיין, כהררי א-ל, ווי ביידע בערג. דו דארפסט האבן די מדה פון ענוה און שפלות רוח וואס דאס איז דער הר סיני, און דו דארפסט האבן די מדה פון ויגבה לבו בדרכי ה׳ וואס דאס איז דער הר המוריה. - און ער גיט נאך צו א גימטריא [דא איז מען דאך געוואוינט צו גימטריאות] סינ״י און מורי״ה איז בגימטריא שכינ״ה. די השראת השכינה איז דא, ווען מען האט ביידע מדות, מען האט די מדה פון סיני, און מען האט די מדה פון הר המוריה.

**קומט** דאך אויס, אז צו קבלת התורה האט מען געדארפט האבן ביידע מידות. פון איין זייט דארף מען האבן ענוה, נמשלה דברי תורה למים (תענית ז.), דברי תורה זענען צוגעגליכן געווארן צו וואסער, מה מים מניחים מקום גבוה והולכין למקום נמוך, מען לייגט אראפ וואסער אינדערהייך, ער זוכט דעם נידריגסטן מקום וואו ער קען אראפגיין, און דארט וועט ער רוען. ער וועט זיך נישט אפשטעלן אינמיטן ביי א פלאץ, דא גיי איך זיין. אז עס איז דא נאך א פלאץ וואו עס איז נידיריגער, לאזט ער איבער דעם מקום גבוה, און ער גייט אראפ למקום נמוך. משה קבל תורה מסיני (אבות א-א), משה רבינו וואס איז געווען עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), ער האט מקבל געווען די תורה, מסיני, ווייל ביי סיני האט אויך דער אייבערשטער אזוי געוויזן, אז ביי דעם נמוך שבהרים דארט ליגט די תורה. משה רבינו איז געווען דער עניו מאד מכל האדם, דארט איז געלעגן די תורה. תורה ליגט נאר מי שדעתו שפלה עליו. פון די אנדערע זייט דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה׳, ווי מען האט פריער גערעדט, וויסן די געוואלדיגע זכות וואס אונז האב מיר אז דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן, אונז קען מיר טון א שירות פארן אייבערשטען. לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), עס איז נישט דא נאך א אומה אין די וועלט, וואס טוט אזויפיל אויף, וויפיל אונז קען מיר אויפטון.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, האט דער באשעפער צוזאמגענומען ביידע בערג צוזאמען. איך געב נישט די תורה נאר אויף א בארג סיני, ווייל פונעם בארג סיני וועט עטץ זיך אויסלערנען נאר ענוה און שפלות רוח. איך וועל נעמען דעם הר המוריה וואס דאס איז די העכסטע בארג, און איך וועל נעמען דעם הר סיני וואס דאס איז די נידריגסטע בארג, איך גיי זיי צוזאמשטעלן צוזאמען, אזוי גיי איך געבן די תורה. ווייל צו קבלת התורה דארף א יוד האבן ביי זיך ביידע מדות, סיי די מדה פון הר סיני, און ער דארף אויך האבן די מדה פון גבוה מכל ההרים.

*

**מען** געפונט אין פסוק (ישעיה ב-ג) כי מציון תצא תורה, ודבר ה׳ מירושלים. תורה קומט ארויס מציון. די גמרא (בבא בתרא כא.) דרשנ׳ט, אז קודם האט מען געשטעלט אין ירושלים אז מען זאל לערנען תורה מיט קינדער, און שפעטער אין די איבריגע שטעט. אנגעהויבן האט מען מיט ירושלים, ווייל כי מציון

תצא תורה. כי יפלא ממך דבר למשפט, ווען א מענטש האט אן העלמה אין תורה, און ער ווייסט נישט בין דם לדם בין דין לדין, וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' (דברים יז-ח), גיי ארויף צום מקום המקדש, דארט איז געווען דער לשכת הגזית, דארט וועט מען פסק'נען וואס דו ביסט מסופק.

**הר** המוריה האט ביי אונז די זעלבע חשיבות ווי בארג סיני. בארג סיני האט מען געגעבן די תורה, אויפן מקום המקדש האט מען אויך געגעבן די תורה. וואס אונז זעה מיר היינט דעם הר הבית, בשעת מתן תורה האט זיך דער בארג אויפגעהויבן, עס איז געקומען אויפן בארג סיני, און דער אייבערשטער האט אויף דעם בארג געגעבן די תורה. אויף דעם בארג וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, דארט ליגט א געוואלדיגע קדושת התורה. אז מען זאל קענען משיג זיין וואס תורה איז, איז עס פון דעם מקום וואו עס איז געגעבן געווארן די תורה. נתינת התורה איז געווען אויפן בארג סיני, בארג סיני איז דאך אבער א מדבר, עס איז נישט קיין פלאץ פון קיין ישוב וואו מענטשן זאלן אהין אנקומען, אז מען זאל קענען זוכה זיין צו די השגה פון תורה וואס איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני.

**און** אינטערסאנט איז אויך, אז עס שטייט אין ספר **חכמת שלמה** פון **רבי שלמה קלוגער זצ"ל** (פ' יתרו דף תפט), שרייבט ער דארט, אן א מקור, אז נאך מתן תורה האט דער אייבערשטער גענומען דעם הר סיני, און ער האט עס גונז געווען, און ער האט אהין געשטעלט א נייעם בארג, ווייל עס איז נישט ראוי אז א בארג וואו דער אייבערשטער איז אראפגעקומען און געגעבן די תורה, זאל זיך ארום וואלגערן אין א מדבר. דער באשעפער האט געטוישט דעם הר סיני, און ער האט עס אוועקגעטראגן ערגעץ אנדערש, און אראפגעלייגט דארט א צווייטן בארג. - על כל פנים הר סיני האט ער צוגענומען, אבער הר המוריה איז געבליבן. דער הר המוריה דער מקום המקדש, דארט איז געגעבן געווארן די תורה.

**מען** געפונט אין ירושלמי (מועד קטן ג-א), מקלו של רבי מאיר היתה בידי, ער האט געהאט א שטעקן פון רבי מאיר, והיא מלמדת לי דעה, און עס האט אים געלערנט. אז א חפץ פון א צדיק, פון רבי מאיר, האט געקענט לערנען דעה, איז אוודאי אז א בארג וואו דער אייבערשטער איז אראפגעקומען און געגעבן די תורה, איז אוודאי מלמדת דעה. כי מציון תצא תורה, די קדושה פון תורה ליגט אין ציון, און פון דארט איז ארויסגעקומען תורה. חכמת התורה קומט פון ירושלים, עס קומט פונעם מקום המקדש, דאס איז דער מקום וואו אונז האב מיר מקבל געווען די תורה, און דאס איז פאר אונז געבליבן אויף שפעטער. דער מקום המקדש איז סיי דער מקום פון נתינת התורה, און סיי דער מקום פון עקידת יצחק. תורה מיט מסירת נפש, דאס איז דער מקום המקדש.

*

**מען** שטייט פאר קבלת התורה. וקדשתם היום ומחר (שמות יט-י), עס איז נישט גענוג היום, עס איז נישט גענוג אז אינעם היינטיגן טאג האט משה רבינו געגעבן די תורה. א מענטש דארף אייביג קוקן אויפן מחר אויך. אז די תורה וואס ער איז מקבל, זאל נישט זיין יעצט אין בית המדרש, פארגענגליך. נאר וואס קען איך טון, אז די תורה זאל בלייבן ביי אים אויף מחר, אויף שפעטער אויך.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז עס איז געווען אמאל א יונגערמאן, וואס איז געזעסן אין כולל און געלערנט, ווי דער סדר איז, נאך די חתונה א פאר יאר. לימים האט ער געדארפט פרנסה, איז ער ארויסגעגאנגען זוכן אן ארבעט, און מען האט אים אנגעטראגן אן ארבעט אין א מושב זקנים, א גרינגע ארבעט, א אומנות קלה ונקיה. עס איז דא אלטע יודען דא, אמאל דארף מען זיי געבן צו עסן, אמאל דארף מען זיי באדינען, מען דארף זיי געבן א געלעגענהייט זיי זאלן זיך קענען אויסשמועסן, זיי זאלן האבן א מענטש צו וועם צו רעדן. און עס איז געווען זייער א גרינגע ארבעט, מען האט צייט צו לערנען אויך, האט ער אנגענומען די ארבעט.

**עס** איז אדורכגעגאנגען א פאר וואכן, און ער קומט צוריק אין כולל. האט מען אים געפרעגט, וואס איז געשעהן, פארוואס ביסטו צוריקגעקומען אין כולל. זאגט ער, איך האב זיך מיישב געווען, איך וויל צוריק קומען לערנען. מען האט אים געקוועטשט, עפעס האט דאך געמוזט זיין, דו ביסט געווען אויף אזא גוט פלאץ, וואס האט דיך געקוועטשט.

**זאגט** ער, איך בין געזעסן דארטן צווישן די זקנים. עס זענען געווען דארט זקני עמי הארצים, און עס זענען געווען דארט זקני תלמידי חכמים,

פארשידענע סארט מענטשן. און איך האב געדארפט יעדן אויסהערן וואס ער האט צו זאגן. איינער פון די יודען האט מיר געזאגט, איר ווייסט וואס איך בין אמאל געווען, איך בין געווען אמאל א גרויסער ביזנעסמאן, איך האב געפירט געשעפטן, געשיקט און געליפערט סחורה פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, און איך האב אלץ געטראכט, ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך מיך זעצן לערנען. אבער דער יצר הרע איז דאך קלוגער, איך האב געפירט די געשעפטן, און איך בין געווארן אלט, און היינט האב איך גארנישט. איך האב נישט קיין געלט, איך האב אוועקגעגעבן מיין גאנץ לעבן פאר עולם הזה. איך זיץ דא, און איך וויל עפענען א ספר, און איך פארשטיי נישט קיין סאך פון לערנען, און איך קוק דא מיין שכן, א יוד א תלמיד חכם, ער האט וואס צו טון איבערן טאג, ער זיצט און לערנט פון צופרי ביז ביינאכט. ביי מיר איז דער טאג לאנג ווי דער גלות, איך ווארט שוין, בבוקר יאמר מי יתן ערב, ובערב יאמר מי יתן בקר.

**זאגט** דער יונגערמאן ווייטער, עס קומט א צווייטער יוד, און ער רעדט זיך אויך אויס פאר מיר, און ער זאגט מיר, דו ווייסט, איך בין געווען אמאל זייער א גרויסער ביזנעסמאן, און איך האב אסאך פארמעגן, איך האב נאך היינט אסאך פארמעגן אינדרויסן, אבער וואס האב איך פון מיין פארמעגן, מיינע קינדער הוליען מיט מיין געלט וואס איך האב מיך געפלאגט דערויף, איך זיץ דא אן אלטער יוד, איך האב נישט וואס צו טון איבערן טאג, און עס איז מיר זייער שווער.

**האט** דער יונגערמאן געזאגט, איך האב מיך אנגעקוקט, ווי אזוי וויל איך אויסקוקן אויף דער עלטער? וויל איך אויך זיין אזוי ווי די זקני עמי הארצים דא. אז איך וועל זיין ביי די ארבעט, און נישט עוסק זיין בתורה, און איך וועל קומען אויף דער עלטער, וועל איך מוזן זיצן דא. און אזוי ווי ער רעדט זיך אפ, און איך וועל זיך אפרעדן אי"ה פאר א צווייטן וואס וועט קומען מיך ארויסהעלפן. איך האב מיך מיישב געווען, איך גיי צוריק אין כולל, דער באשעפער האט געגעבן פרנסה ביז יעצט, וועט ער מיר געבן ווייטער. איך וויל אז שפעטער זאל איך קענען נהנה זיין פון די תורה וואס איך וועל לערנען. - וקדשתם 'היום ומחר', נישט קוקן אלעס אויפן 'היום', מען דארף קוקן אויפן 'מחר' אויך! היום כאן ולמחר ווייסט מען נישט וואו מען איז.

**ווען** א מענטש איז מקדש זיין לעבן, מען רעדט נישט יעצט אז מען זאל איבערלאזן די ארבעט און זיך זעצן אין בית המדרש לערנען, אבער כאטש מאכן א שותפות, א חלק פונעם טאג. וואס מען גיט אוועק פאר די ארבעט, דארף מען דאך פאר פרנסה, אבער נישט אויסלאזן די קביעות עתים לתורה. נישט ווען מען וועט קומען אויף דער עלטער, זאל מען זיין פון די זקני עמי הארץ. נאר מען זאל קענען לערנען, און קענען אויסנוצן די פרייע צייט וואס מען האט, אויף תורה. דאס איז דער וקדשתם היום ומחר, וואס מען דארף מקדש זיין דעם עתיד אויך.

*

**און** דאס האט אונז דער אייבערשטער געלערנט בשעת מתן תורה. ויהי קול השופר הולך וחזק מאד, משה ידבר והאלקים יעננו בקול (שמות יט-יט). ווי רש"י זאגט, אז דער קול שופר איז געווען א קול חזק, א שטארקע קול. געווענליך ווערט דאך א קול אלץ שוואכער. ווי לענגער עס איז, ווערט עס נאך שוואכער. ביים אייבערשטען איז געווען א קול שופר, עס איז געווען חזק מאד, עס איז גארנישט שוואך געווארן אינדערמיט, ביי אנדערע הערט זיך שוין אויף א קול, און דעם אייבערשטען'ס קול איז נאך געגאנגען ווייטער, און שטערקער.

**די** מפרשים שטעלן זיך אויפן לשון משה 'ידבר', משה וועט רעדן, עס וואלט געדארפט שטיין משה 'דיבר', משה האט גערעדט, והאלקים יעננו בקול. נאר די תורה לערנט אונז, מען זאל וויסן אז עס איז דא אמאל א קול, וואס עס דאכט זיך אז דער קול ווערט נישט דערהערט. בדרך הטבע, א קול אין אנהייב איז ער שטארק, נאכדעם ווערט ער שוואכער און שוואכער. דער באשעפער האט אונז געלערנט, ביי תורה איז נישט דא קיין שוואכקייט. ביי תורה טוט דער אייבערשטער געבן כח, אפילו ווען א קול דארף ווערן אפגעשוואכט, פון דעסטוועגן דאך קען מען ווייטער ממשיך זיין מיט דעם קול, און דער באשעפער וועט העלפן. ויהי קול השופר הולך וחזק מאד, דער קול שופר איז געגאנגען שטארק, אז משה ידבר, משה וועט רעדן, דער תלמיד חכם וועט רעדן, והאלקים יעננו בקול, וועט אים דער אייבערשטער שטענדיג געבן דעם קול. אפילו אמאל קען מען שוין נישט דערהערן גוט, און מען קען נישט מקבל זיין, וועט דער אייבערשטער געבן דעם קול, אז מען זאל קענען ווייטער שטייגן דערמיט.

**לענינינו**, עס איז משה ידבר והאלקים יעננו בקול. דער חשוב'ער משגיח זאל זיין געזונט וואס גיט אוועק אזויפיל צייט פארן ציבור, וואס האט מדריך געווען און אויפגעשטעלט דא אזא פעסטונג פון תורה, וואס דאס איז על הכלל כולו יצא, נישט נאר דא אויף דעם פלאץ. עס איז אמאל דא וואס עס פעלט דער קול שופר הולך וחזק מאוד, עס איז שוין נישט דא דער קול וואס עס איז געווען אמאל, די שטארקייט דערפון. אבער משה ידבר, ער וועט נאך רעדן, און והאלקים יעננו בקול, דער באשעפער וועט געבן די כוחות אין דעם קול, אז ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז ב'קול' איז די נוטריקון פון ו'רפואה ק'רובה ל'בוא. עס איז משה ידבר, והאלקים יעננו בקול, יעדער איינער איז דאך מתפלל אויפן געזונט פונעם משגיח, דער באשעפער זאל אים געבן אריכת ימים ושנים. אבער די וואס זענען נאנט, די וואס זענען דא, זיי האבן דאך א עקסטערע חיוב מתפלל צו זיין, אוועקגעבן צייט פאר תפלה, און בעטן פארן געזונט.

**מען** געפונט אין די גמרא (ברכות לג:), אז משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה את ה' אלקיך (דברים י-יב), דער באשעפער בעהט נישט קיין גרויסע זאכן, ער בעהט נאר ליראה את ה'. פרעגט די גמרא, אטו יראה מילתא זוטרתא, יראה איז א קלייניקייט? זאגט די גמרא, אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא. פרעגט דאך די וועלט, פאר משה רבינו איז עס א קלייניגקייט, אבער משה רבינו רעדט דאך יעצט צו יודען, און ער זאגט מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה. פאר אונז איז גאנץ שווער דער כי אם ליראה אליין אויך, פארוואס זאגט משה רבינו, אז דער באשעפער בעהט נאר פון דיר א קלייניגקייט.

**עס** שטייט אין **תולדות יעקב יוסף** (פרשת בא אות יא), זאגט ער, אז ווען מען געפונט זיך מיט א צדיק צוזאמען, איז יראת ה' א קלייניגקייט, עס איז זייער גרינג צוצוקומען צו יראת ה'. פאר זיך אליין, אז מען דארף זיך פלאגן, און מען דארף זיך מוטשען, איז שווער צו שטייגן. אבער אז מען האט אונטער זיך א רוקן-ביין, וואס איז שטענדיג מעורר, און ער שטייט און קלאפט אויף דעם אזוב, גדל גדל, עס זאל ווייטער וואקסן, איז די לופט אליין וואס מען איז צוזאמען מיט א משה רבינו, דאס גיט דעם כח אז עס זאל זיין מילתא זוטרתא.

**משה** רבינו האט געזאגט פאר יודען, פאר ענק איז א מילתא זוטרתא עטץ זאלטס קענען זיין ערליך, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, ער בעהט נישט פון דיר קיין סאך, כי אם ליראה, און עס איז ביי דיר א קלייניגקייט, ווייל אין, לגבי משה, ווען מען דרייט זיך מיט משה רבינו צוזאמען, איז יראה א מילתא זוטרתא. - ביי אונז איז דער לגבי משה יראה א מילתא זוטרתא, מובן כפשוטו. און אויף דעם דארף מיר אונז מתפלל זיין, אז דער באשעפער זאל געבן ווייטער כוחות דערצו, אז מען זאל קענען זיצן שטענדיג אינאיינעם, און מקבל זיין די דברי תורה וואס מען הערט מיט פרייליכע הערצער. עס איז אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, עס דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה', מען דארפן זיך שטאלץ האלטן, מיט וואס אונז האב מיר. מען דארף זיך שטאלץ האלטן מיט קבלת התורה, מיט דעם וואס אונז קען מיר מקבל זיין שטענדיג פונעם חשוב'ן משגיח זאל זיין געזונט.

**די** גמרא (ברכות יח:) זאגט, אז ווען מען איז מתפלל פאר א צווייטן, אם תלמיד חכם הוא, צריך שיחלה עצמו עליו. דער פשוט'ער פשט איז, אז מען דארף אזויפיל בעטן, ביז מען וועט אליין קראנק ווערן, פון די תפלות וואס מען בעהט אויף יענעם. דער ביאור איז א הויכע מדריגה, אבער מיר וועלן רעדן נאר אין פשוטן ביאור. ווען א מענטש ווייסט, אז וואס ער האט, וואס ער פארמאגט, האט ער נאר מכח דעם תלמיד חכם וואס העלפט אים ארויס ער זאל צוקומען צו דעם וואס ער איז צוגעקומען, ווערט דער תלמיד חכם א חלק פון זיין לעבן. און אזוי ווי פאר זיך אליין איז א מענטש מתפלל, ווען ער שפירט זיך נישט גוט, ווייל ער שפירט אז עס פעלט אים די האנט, די פוס, א פינגער וכדומה. אזוי דארף א מענטש שפירן, אז דער משה, דער תלמיד חכם, דאס איז א חלק פון אים. און טאמער דער תלמיד חכם איז נישט געזונט, צריך שיחלה עצמו עליו, דו דארפסט שפירן ווי דו ביסט נישט געזונט, נישט נאר דער חכם איז נישט געזונט. און מען דארף מתפלל זיין, אזוי ווי א מענטש איז מתפלל פאר זיך, וואס ער איז מתפלל בכל לבו ווען עס איז נוגע פאר אים, אזוי דארף זיין ווען א מענטש איז מתפלל פאר א תלמיד חכם.

*

**מען** גייט דאך מקבל זיין די תורה, יעדער איינער האט דאך א אנדערן תפקיד אויף די וועלט. און ווען מען איז מקבל די תורה, איז מען נישט מקבל יענעם'ס תורה, נאר מען איז מקבל די תורה פאר זיך, ווי אזוי דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשטעלט אויף דעם עולם. יעדער איינער איז אין א אנדערן ווינקל, יעדער האט א אנדערן דגל, און צבעו של זה לא כצבעו של זה, דיין פלאץ וואו דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשטעלט, דיין בני בית, דיין שידוך וואס דו האסט געטון, און דיין זיווג וואס דו האסט, און די סביבה וואו דו דרייסט זיך, ווי אזוי דיין דזשא"ב איז, וכדומה, אויף דעם פלאץ דארפסטו זיך צו פארבעסערן און דינען דעם אייבערשטען. טראכט נישט אז דארט איז בעסער, יענץ איז בעסער, פארוואס ביי יענעם איז אזוי, ביי מיר איז אנדערש. קבלת התורה מיינט נישט, אז יעדער זאל אויסוואקסן א משה רבינו, נאר יעדער זאל אויסוואקסן וואס ער קען אויסוואקסן, דאס איז אונזער קבלת התורה. אין דיין מצב וואו דו ביסט, קענען אויספילען דעם טאג צו דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב.

**זכרתי** לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה (ירמיה ב-ב), דער באשעפער געדענקט שטענדיג אונזער חשיבות, אונז זעמיר נאכגעגאנגען נאכן אייבערשטען דעמאלטס אין מדבר, אין א ארץ לא זרועה. דער באשעפער געדענקט שטענדיג דעם אהבת כלולותיך, די אהבה פון אונזער שידוך מיטן אייבערשטען, דער כלולותיך וואס איז געבליבן אויף שטענדיג ביים כלל ישראל.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין. מען זאל קענען אויס'פועל'ן דעם יום טוב א גאנצע רפואה, אז דער משגיח זאל זיין געזונט, עס איז דאך געווען נתרפאו כל החולים ווען עס איז געקומען מתן תורה. ביום הזה באו מדבר סיני, 'ביום' איז די נוטריקון, מ'שה י'דבר ו'האלקים י'עננו ב'קול. ביום הזה באו מדבר סיני, ווען מען קומט צו מתן תורה, זענען מיר מתפלל, אז משה ידבר והאלקים יעננו בקול, דער באשעפער זאל געבן לאנגע געזונטע יארן פארן משגיח, קענען ווייטער טוהן להגדיל תורה ולהאדירה מתוך שמחה וטוב לבב.

**אונז** אלע זאל מיר קענען זוכה זיין, מקבל צו זיין די תורה, יעדער זאל קענען האבן א חלק אינעם קבלת התורה, לויט וויפיל עס איז נוגע פאר אים לפי ערכו. און אז מען איז מקבל די תורה, ווי מען האט פריער גערעדט, אין תורה הק' ליגט אלע טובות און אלע ברכות פון די וועלט. אין טוב אלא תורה, עס איז דער אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, עס ברענגט גליק פארן מענטש אויף די וועלט, און גליק אויף יענע וועלט. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, אונזער לעבן אויף די וועלט איז נאר א דורכגאנג, כדי מען זאל זיך קענען דא צוגרייטן בפרוזדור, אריינצוקומען אין דעם טרקלין. און אונז זאל מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר צבי ווארך הי"ו

יום ג' פרשת נשא א' תשפ"ג לפ"ק

**דוד** המלך זאגט (תהלים קיט-קסב), שש אנכי על אמרתך, כמוצא שלל רב. איך פריי מיך אויף די מצות פון די תורה, אזוי ווי א מענטש וואלט געטראפן א גרויס פארמעגן. די גמרא (שבת קל.) דרשנ'ט, אז דער פסוק גייט ארויף אויף מצות מילה. כל מצוה שקבלו עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה. מען האט מקבל געווען די מצוה בשמחה, אברהם אבינו בשעת ער איז מצווה געווארן אויף די מצוה, האט ער עס געטון מיט א געוואלדיגע שמחה. עדיין עושין אותה בשמחה, די שמחה איז געבליבן אין די מצוה פון מילה. כאטש מען איז מצער א קינד, און בדרך כלל וואלט דאך עס געדארפט ווי טון פאר די עלטערן, פון דעסטוועגן דאך פריידט מען זיך, און מען מאכט א סעודה, ווי דער סדר איז.

**רש"י** זאגט, ווי אזוי איז די ראיה אז דער פסוק גייט ארויף אויף מצות מילה. ווייל אלע מצות אין די תורה איז געגעבן געווארן מיט א לשון דיבור, און ביי די מצוה פון מילה שטייט (בראשית יז-א) ויאמר, אן אמירה. עס איז געווען אן אמירה יחידה, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, ווען ער האט אים איבערגעגעבן די מצוה. שש אנכי על אמרתך, אויף די מצוה וואס איז געזאגט אן אמירה יחידה פאר אברהם אבינו, פריידט מען זיך כמוצא שלל רב. - וואס בעצם ווייזט דאך עס די געוואלדיגע חשיבות פון אן התחלה, יעדע זאך וואס מען הייבט אן, ווי אזוי מען הייבט עס אן, אזוי לאזט עס איבער די רושם אויף שפעטער. מען ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, און מען טוט עס בשמחה, איז עס נישט נאר א מצוה וואס איז נוגע אויף יעצט, עס העלפט אויפן גאנץ לעבן, אז ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה.

**דער חתם סופר** (בדרשות ליום הכיפורים דרוש ו') זאגט, ביי עשרת הדברות שטייט אין פסוק (שמות כ-א) וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר, דער אייבערשטער האט געזאגט די אלע ווערטער, לאמר. בדרך כלל ווען מען זאגט לאמר, וידבר ה' אל משה לאמר, איז דער פשט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט צו משה, אז משה זאל עס זאגן ווייטער. דא איז דאך נישט געווען קיין לאמר, עס וואלט געדארפט שטיין וידבר אלקים את כל הדברים האלה, אנכי ה' אלקיך. וואס איז דער לאמר?

**זאגט** דער חתם סופר, עס איז דא אמאל אן עבירה וואס א מענטש טוט, וואס די עבירה איז א איינצעלנע עבירה, אבער עס איז כולל אין זיך, עס איז אזוי הארב ווי ער וואלט געטון אסאך עבירות. שקולה עבודה זרה כנגד כל התורה כולה (הוריות ח.), ער האט געטון איין עבירה, עבודה זרה, אבער ווען מען וועט לייגן אויף א וואגשאהל אלע עבירות פון די תורה, און לייגן עבודה זרה אויף די אנדערע זייט, איז עס שקול איינס אקעגן דאס אנדערע. זאגט דער חתם סופר, די זעלבע איז דא אין א מצוה, מצות מילה שקולה כנגד כל התורה כולה (נדרים לא.), דאס איז טייטש, אז עס איז אזוי חשוב, אז עס איז שקול כאילו מען איז מקיים כל התורה כולה, אפילו עס איז נאר אן איינצעלנע מצוה.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן לאמר, א אמירה, און די גאנצע תורה ווערט אנגערופן מיט א לשון דיבור. וידבר אלקים את כל הדברים האלה, אלעס וואס דער אייבערשטער האט גערעדט, אלע מצות אין די תורה, לאמר, ווען דו טוסט די מצוה פון מילה, וואס איז אן אמירה, איז כאילו דו האסט מקיים געווען כל התורה כולה. די גאנצע תורה איז דאך געגעבן געווארן בדיבור, מצות מילה איז אן אמירה, וידבר אלקים את כל הדברים האלה, דאס איז לאמר, מצות מילה האט א חשיבות, כאילו מען איז מקיים כל התורה כולה.

**שש** אנכי על אמרתיך, אברהם אבינו האט זיך געפריידט אויף די מצוה, אויסער וואס ביי יעדע מצוה האט ער זיך געפריידט, אבער דא איז געווען כמוצא שלל רב, ער האט נישט נאר איין מצוה, מיט די מצוה האט ער געטראפן א גאנצן שלל. ער איז מקיים איין מצוה, און עס איז שקול כאילו ער האט מקיים געווען כל התורה כולה.

## במסיבת לחיים לרגל היארצייט של כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל

יום ה' פרשת נשא א' - ערב שבועות תשפ"ג לפ"ק

**רבינו: מיין טאטע זכרונו לברכה** האט געהאט א געוואלדיגע אמונת צדיקים. ער איז געפארן צו אלע רבי'ס. פאר די קריג האט ער געקענט יעדן איינעם.

**א' מהנוכחים:** נאר אין אונגארן, אדער אין פוילן אויך?

**רבינו:** ער איז געווען אין פוילן אויך, ער פלעגט צו פארן קיין בעלזא. אלץ האט ער אזוי אויסגערעכנט דעם וועג, אז ער זאל זיך אפשטעלן ביי א צווייטען פלאץ, צו קענען די פוילישע רבי'ס.

**א' מהנוכחים:** ווער זענען געווען די פריערדיגע צדיקים וואס ער האט געדענקט.

**רבינו:** דער בעלזער רב, רבי ישכר דוב, ער איז געווען ביי אים אין מארינבאד. דער וויזניצ'ער רבי, רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

**א' מהנוכחים:** וועלכע יאר איז ער געבוירן.

**רבינו:** תרע"ב. אלץ קינד איז ער נישט ארומגעפארן, ער איז געזעסן אין שטוב. ווען ער איז געווארן א בחור, און ער איז געפארן קיין בעלזא, האט ער אנגעהויבן ארויסצוגיין. – ער פלעגט צו פארציילן אז ער איז אמאל געפארן קיין בעלזא אויף א יום טוב, מיט א קבוצה פון בחורים. און אויפן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין קאשוי,ביים **סטראפקוב'ער רב, רבי שלום זצ"ל**. און דער סטראפקוב'ער רב פרעגט זיי, וואס זיי טוען דא. האבן זיי געזאגט, אז זיי פארן אויף יום טוב קיין בעלזא. האט ער זיי געפרעגט, וואס וועט שלעכט זיין אז עטץ בלייבסט דא ביי מיר אויף יום טוב. האבן זיי נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. איין זאך האבן זיי זיך אויסגעלערנט, אז מען טאר נישט זאגן אז מען פארט ערגעץ אנדערש. – דאס איז געווען די פשטות פונעם סטראפקוב'ער רב. ווען מען האט אים געגעבן א קוויטל, האט ער קודם געגומען די געלט, און ער האט עס אויסגעגלעט, און ער האט ארויסגענומען פון טאש זיין האלטער פאר די געלט, ער האט געהאט עקסטער פינעפ'ערס, צענ'ערס, צוואנציג'ערס, און ער האט עס קודם מסדר געווען, און נאכדעם האט ער זיך גענומען ליינען דאס קוויטל.

מיין טאטע זכרונו לברכה איז אמאל געווען ביים **באבוב'ער רב** (מהר"ש) **זצ"ל**, מנחם אבל זיין. און ער האט אים געפרעגט, צו ער האט געקענט זיין פאטער? האט ער געזאגט, יא. ער איז געווען ביי אים אין טשעבין. האט ער פארציילט, אז ווען ער איז געפארן קיין בעלזא, האט ער אזוי אויסגערעכנט אז אויפן וועג זאל ער זיך אפשטעלן אין טשעבין, צו קענען דעם טשעבינ'ער רב, און דעם באבוב'ער רב (**בעל קדושת ציון זצ"ל**). און דער באבוב'ער רב האט אים אויך געפרעגט, וואס ער טוט דא. ער האט זיך שוין אויסגעלערנט אז מען טאר נישט זאגן אז מען גייט אויף בעלזא, האט ער געזאגט, אז ער האט געהאט עפעס דא מסדר צו זיין. און ער האט פארציילט פארן באבוב'ער רב (מהר"ש), וואס ער האט געהאט מיטן סטראפקוב'ער רב, און וועגן דעם האט ער מורא געהאט צו זאגען.

זאגט אים דער באבוב'ער רב, פון מיין טאטען וואלט איר נישט געדארפט מורא האבן, מיין טאטע וואלט אייך נאך צוגעגעבן שפעזן איר זאלט קענען פארן ווייטער...

**א' מהנוכחים:** אינדערהיים האט זיך געטון צווישן בעלזא און באבוב. און דאך וואלט ער געגעבן שפעזן.

**רבינו:** ער האט געזאגט, אז ער איז געפארן מיט א קבוצה פון בחורים, און ווען ער האט זיך אפגעשטעלט דעמאלטס אין באבוב, האט ער אפילו נישט געזאגט פאר די חברים אז ער שטעלט זיך אפ דא ווייל ער וויל קענען דעם באבוב'ער רב, ווייל עס איז געווען אנגעצויגן דעמאלטס צווישן באבוב און בעלזא. זיי זענען געפארן ווייטער, און ער איז אליין אראפגעבליבן צו בלייבן אין טשעבין, כדי צו קענען דעם באבוב'ער רב.

**א' מהנוכחים:** אבער דער באבוב רב מיטן טשעבינ'ער רב האט גאר שיין געארבעט.

**רבינו:** יא,ביידע האבן זיך זייער שיין מכבד געווען איינער דעם צווייטן,

**רבינו:** מיין טאטע פלעגט מיר צו זאגן, אז צו די היינטיגע רבי'ס איז מיר שווער צו גיין. איינער וואס האט געקענט די פריערדיגע, איז זייער שווער אז ער זאל זיך קענען צוגעוואוינען היינט. אבער עטץ גייטס, עטץ האטס נישט געזעהן קיין בעסערס, גייטס. ער האט אונז געשיקט איבעראל.

דער טאטע פלעגט זיך אראפצולייגען פרייטאג צו נאכטס פאר די סעודה, ווייל שבת ביים טיש דארף מען זיין אויסגערוהט. ער פלעגט אנזאגען פאר די מאמע אז זי זאל טועם זיין פאר לעכט בענטשען, ווייל ער וועט מאכן שפעט קידוש.

**א' מהנוכחים:** דאהי, חוץ צום סאטמארער רב, איז ער געגאנגען נאך ערגעץ?

**רבינו:** ער איז געגאנגען קיין סקווירא. - אויפן **סאטמארער רב** האט ער געזאגט, אז ער איז נאך פון די שיירי כנסת הגדולה, ער איז נאך פון די פריערדיגע.

**א' מהנוכחים:** ער האט געהאט שייכות מיטן סאטמארער רב פאר די קריג אויך, אדער נאר דא.

**רבינו:** ער איז פאר די קריג אויך געווען ביי אים אויף שבתים. די שטאט שאמלויא איז נישט ווייט פון סאטמאר, און ווען ער איז געווען ביים זיידן דער שאמלויא'ער רב, פלעגט ער צו גיין.

**א' מהנוכחים:** ווי אפט פלעגט ער גיין צו די טישן?

**רבינו:** בערך איינמאל א חודש. אונז האט ער געשיקט יעדע וואך. ווען מען האט אפגעגעסן די סעודה האט ער געזאגט גייטס.

**א' מהנוכחים:** ער איז געווען ביים בעלזער רב נאכן קריג?

**רבינו:** איין מאל. אויף שבועות תשי"ד איז ער געפארן פון דאהי. ווען מען פלעגט בעטן אז ער זאל פארציילן עפעס א מופת פונעם **בעלזא'ער רב,** פלעגט ער זאגען, דאס איז אלעס גארנישט. זיין עבודת ה' דאס איז געווען, פון דעם דארף מען רעדן.

**זכותם יגן עלינו.**

## דברי תורה שנאמרו בקידושא רבא יום א' דשבועות ונשנו בשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת נשא ב' תשפ"ג לפ"ק

**הכל** מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, מאי טעמא יום שניתנה בו תורה (פסחים סח:). די מפרשים פרעגן, אז עס איז יום שניתנה בו תורה, וואלט מען געדארפט א גאנצן טאג לערנען און דאווענען, פארוואס איז דער עצרת בעינן לכם.

**מען** געפונט נאך מתן תורה, האט דער אייבערשטער געזאגט, שובו לכם לאהליכם (דברים ה-כח), איך האב געענדיגט מתן תורה, גייטס ענק יעדער א היים. אין די גמרא (ביצה ה:) שטייט, שובו לכם לאהליכם, אז דער אייבערשטער האט געדארפט מתיר זיין, אז מען קען צוריק אהיים גיין. עס איז דאך געווען דריי טעג פרישה, און יעדע זאך וואס די חכמים האבן גע'אסרט, מוז קומען נאכדעם א היתר, שובו לכם לאהליכם. עס שטייט אין **משך חכמה** (ואתחנן ה-כז), אז דער **חתם סופר** שרייבט (בחידושיו למסכת עבודה זרה סד.), אז ער ווייסט נישט וואו דער מקור איז, אז א גר שנתגייר איז כקטן שנולד (יבמות כב.). ווען א גר איז זיך מגייר, פארלירט ער זיין משפחה וואס ער האט געהאט פארדעם, און על פי דין מעג ער חתונה האבן מיט זיין מאמע, מיט זיין ברודער, מיט זיין שוועסטער, זיי זענען אלע נישט קיין קרובים פאר אים. פון ווי נעמט זיך דער מקור דערפון?

**דער** משך חכמה זאגט, ביי מתן תורה איז מען דאך גע'אסר'ט געווארן מיט עריות, איז דאך דער טייטש, אז קרובים וואס מען האט געהאט חתונה געהאט פון פריער, האט מען נישט געטארט וואוינען מיט זיי. עמרם האט חתונה געהאט מיט א מומע, וואלט דאך אויסגעקומען אז נאך מתן תורה קען ער נישט אהיימגיין צו זיין ווייב, ווייל עס איז דאך געווארן א ערוה אויף אים. אבער טאמער זאגט מען גר שנתגייר כקטן שנולד דמי, איז ער דאך נישט קיין קרוב פון פריער, קען ער צוריקגיין אפילו זי איז געווען א קרוב. - און דאס האט דער אייבערשטער געזאגט, שובו לכם לאהליכם, כאטש מען האט גע'אסר'ט יעצט ביי מתן תורה עריות, דאס איז פון היינט און ווייטער, אבער די וואס זענען געווען ביז יעצט, אזוי ווי א גר שנתגייר איז כקטן שנולד דמי, קומט אויס קען יעדער אהיים גיין לאהליכם. מען האט זיך נישט געדארפט גט'ן, פון די וואס זענען געווען בכלל איסורי עריות.

**על** כל פנים, דער אייבערשטער האט געזאגט ביי מתן תורה שובו לכם לאהליכם, מען קען אהיים גיין. די גמרא זאגט, בעצרת בעינן לכם, יום שנתנה בו תורה, עס שטייט אין **בני יששכר** (סיון ב-יא) אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט בנחלת שני עולמות (תנא דבי אליהו זוטא יט), יעקב האט באקומען עולם הבא, און עשו האט גענומען עולם הזה. לכאורה האט דאך יעקב נישט קיין שום שייכות צו עולם הזה, דו האסט דאך דאס אוועקגעגעבן פאר עשו, נו וואספארא היתר האבן מיר נהנה זיין פון עולם הזה, מען נעמט דאך צו פון עשו?

**ברענגט** ער צו פונעם **חיד"א**, אז אזוי ווי דער אייבערשטער האט דאך געמאכט א תנאי אין די בריאה, יום הששי (בראשית א-לא), אם ישראל מקבלים את התורה מוטב, ואם לאו וועט דער אייבערשטער צוריקלייגן די וועלט לתוהו ובוהו (שבת פח.). און עשו האט דאך נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, נאר יודען האבן מקבל געווען די תורה, זעמיר אונז די מקיימי העולם, אונז האלט מיר אויף די וועלט. ווען נישט אונז זעמיר מקבל די תורה, גייט די וועלט צוריק לתוהו ובוהו. אויב אזוי זענען מיר דאך א

מציל מזוטו של ים. די הלכה איז (בבא מציעא כד.), ווען ווען עס קומט א זוטו של ים און איך זעה ווי עס וויל פארשווענמען יענעמ'ס חפץ, און איך האב עס מציל געווען, געהערט עס צו מיר. די וועלט האט געהאלטן ביי א זוטו של ים, דער אייבערשטער האט געוואלט מחזיר זיין די וועלט לתוהו ובוהו, קומט אויס, וואלט דאך עשו נישט געהאט גארנישט, עס וואלט דאך צוריקגעגאנגען לתוהו ובוהו. און אונז האב מיר מקבל געווען די תורה, זענען מיר א מציל מזוטו של ים, און אונז האב מיר א רעכט נהנה זיין פון עולם הזה. אזוי ברענגט ער צו פונעם חיד"א.

**זאגט** ער, דאס איז דער פשט אין די גמרא, אז בעצרת איז הכל מודים דבעינן לכם, ווייל עס איז יום שניתנה בו תורה. אזוי האבן מיר דאך נישט קיין רעכט פארן לכם, לכם איז דאך געגעבן געווארן פאר עשו. אבער אז עס איז יום שניתנה בו תורה, האבן מיר דאך אויפגעהאלטן די וועלט, זענען מיר דאך א מציל מזוטו של ים. וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז עס זאל זיין לכם, צו ווייזן אז דורכדעם וואס עס איז יום שניתנה בו תורה, האבן מיר זוכה געווען צו דעם לכם אויך.

**אויב** אזוי קומט דאך אויס, אז דער לכם האט נישט באלאנגט פאר אונז, דער לכם האט באלאנגט פאר עשו. ווען מען איז אהיימגעגאנגען פון מתן תורה, איז דער לכם געווארן אונזערס, ווייל אונז האב מיר מציל געווען דעמאלטס די וועלט, אז ס'זאל נישט צוריקגיין לתוהו ובוהו. האט דער אייבערשטער געזאגט, פון יעצט איז שובו לכם לאהליכם, מען קען זיך אהיים נעמען דעם 'לכם'. ביז יעצט איז דער לכם נישט געווען ענקערס, עס האט געהערט פאר עשו. אבער יעצט אז מען האט מקבל געווען די תורה, שובו לכם לאהליכם, קען מען מיטנעמען אלע השפעות טובות פונעם יום טוב, עס זאל זיין דער לכם אין יעדע יודישע שטוב.

## בנעילת החג מוצאי שבועות תשפ"ג לפ"ק

**די** גמרא (פסחים סח:) זאגט, ווען עס איז געקומען יום טוב שבועות, און רב יוסף האט זיך געוואלט משמח זיין אין דעם יום טוב, האט ער געזאגט, עבדו לי עגלא תילתא, מען זאל אים צוגרייטן א עגלא תילתא, עס איז געווען זייער א חשוב'ע פלייש, אמר, אי לאו האי יומא דקא גרים, ווען נישט דער טאג האט צוגעברענגט, כמה יוסף איכא בשוקא, וויפיל יוסף'ס איז דא אויף די גאס. בפשטות האט ער געוואלט ארויסברענגען די חשיבות פון תורה. רב יוסף איז דאך אויסגעשטיגן א סיני (ברכות סד.), ער האט געקענט כל התורה כולה, אזוי ווי מען האט עס געגעבן מסיני. און די גרויסע חשיבות וואס ער האט, איז צו פארדאנקען פאר נתינת התורה. - די מפרשים שטעלן זיך, וואס עפעס א עגלא, און וואס עפעס א תילתא. און וואס איז די אי לאו 'האי יומא' דקא גרים, ער וואלט געדארפט זאגען אי לאו מתן תורה, ווען נישט קיין תורה, כמה יוסף איכא בשוקא.

**עס** קען זיין א כוונה, מען געפונט נאכן חטא העגל, ווען משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטען אז ער זאל מוחל זיין אויף דעם וואס די יודען האבן געזינדיגט, האט ער געזאגט (שמות לב-לב), ועתה, אם תשא חטאתם, אויב דו ביסט מוחל, איז גוט, ואם אין, מחני נא מספרך אשר כתבת, דער אייבערשטער זאל אים מוחה זיין פון זיין ספר. יודען האבן געזינדיגט, און משה רבינו זאגט, אויב מען איז זיי נישט מוחל, זאל מען אים מוחה זיין. וואס האט עס צו טון מיט אים? ער האט נישט געזינדיגט. פארוואס זאל אים דער אייבערשטער מוחה זיין מספרך אשר כתבת, אויב ער וויל נישט מוחל זיין אויפן חטא וואס יודען האבן געזינדיגט.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** במאמרי שבועות טו., ובפרשת מטות קמ.), די זינד פון חטא העגל איז אויסגעקומען אז עס איז געווען שבעה עשר בתמוז. דעמאלטס איז משה רבינו אראפגעקומען פונעם בארג סיני, און דעמאלטס איז געווען דער חטא העגל. עס שטייט אין מדרש (איכ"ר א-כט) אז די טעג פון שבעה עשר בתמוז און ווייטער, זענען זייער שווערע טעג פאר יודען. קטב מרירי איז שורה אין די

טעג, מזיקים האבן א גרויסן כח, עס איז א יום חייב. און למעשה איז פונקט אויסגעקומען אז דעמאלטס איז משה רבינו נישט דא געווען, און יודען האבן געוואלט מאכן דעם עגל. די צייט האט גורם געווען דערצו, מגלגלין חובה ליום חייב (תענית כט.), דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז יודען האבן געמאכט דעם עגל.

**זאגט** דער חתם סופר, דאס אז עס איז אויסגעקומען שבעה עשר בתמוז, איז משה רבינו שולדיג דערויף. ווייל הוסיף משה יום אחד מדעתו (שבת פז.), ביי מתן תורה האט משה רבינו צוגעגעבן נאך א טאג. ווען ער זאל נישט צוגעבן נאך א טאג, וואלט זיך די פערציג טעג וואס משה רבינו איז געווען אויפן בארג סיני געענדיגט מיט א טאג פריער, ט"ז תמוז. ט"ז תמוז איז נאך נישט דא קיין קטב מרירי, וואלט נישט צוגעקומען אז מען זאל חוטא זיין מיטן חטא העגל. משה רבינו האט אבער צוגעגעבן נאך א טאג, איז דאך אפגעשטופט געווארן מתן תורה, איז אפגעשטופט געווארן די פערציג טעג, איז ממילא אויסגעקומען אז די חטא העגל איז געווען אין דעם טאג וואס איז מסוגל געווען דערצו, אז עס זאל נישט זיין קיין שמירה, און מען זאל אדורכפאלן.

**האט** משה רבינו געזאגט, קומט דאך אויס, אז איך בין שולדיג אויף דעם חטא העגל, ווייל איך האב מוסיף געווען יום אחד מדעתי, און דורכדעם איז עס געווארן אפגעשטופט. אויב דו ביסט מוחל פאר יודען איז גוט, ואם אין, טאמער דו וועסט נישט מוחל זיין פאר יודען, בין איך געווען דער וואס האט גורם געווען דעם חטא העגל, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה דעם פופציגסטן טאג פון די ספירה, און משה רבינו האט עס אפגעשטופט אויפן איין און פופציגסטן טאג. איז מחני 'נא' מספרך אשר כתבת. איך בין שולדיג דערויף, ווייל איך האב דאך צוגעגעבן אז קבלת התורה איז געווען מיט א טאג שפעטער, נישט דעם פופציגסטן טאג, נאר דעם איין און פופציגסטן טאג. - קומט אויס אז דאס וואס משה רבינו האט צוגעגעבן יום אחד מדעתו, דאס האט צוגעברענגט דערצו אז יודען זענען אדורכגעפאלן און זיי האבן געזינדיגט מיט דעם עגל.

*

**עס** האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט ביי דעם. משה רבינו קומט אראפ, און ער ברענגט די לוחות, און ער זעהט אז יודען האבן געזינדיגט, האט משה רבינו גענומען די לוחות און ער האט עס צובראכן, מוטב מען זאל זיי דן זיין כפנויה (שמו"ר מג-א). לוחות הראשונות האבן געהאט גרויסע זכותים דערין, און עס איז צוגענומען געווארן די כח פון די לוחות הראשונות, ביז דער אייבערשטער האט זיך מתרצה געווען, און ער האט שפעטער געגעבן די לוחות שניות.

**די** גמרא (ברכות ח:) זאגט, הזהרו בזקן ששכח תורתו לאונסו, א תלמיד חכם איז געווארן עלטער וכדומה, און ער האט פארגעסן וואס ער האט געלערנט, דארף מען זיין נזהר אינעם כבוד פון דעם חכם. שהרי לוחות ושברי לוחות מונחים בארון. אינעם ארון איז געווען די לוחות, און נישט נאר די לוחות אחרונות איז געווען דארט, נאר די לוחות וואס מען האט צובראכן, האט מען אויך אריינגעלייגט אינעם ארון. קומט דאך אויס, אז שברי לוחות ווייזט, אז אפילו עס איז שברי לוחות, א תלמיד חכם וואס איז שכח תורתו, פון דעסטוועגן דאך האט ער נאך אלץ א חשיבות, און עס איז מונחים בארון.

**די** גמרא (נדרים מא.) זאגט אויף רב יוסף, אז איעקר ליה למודיה, רב יוסף איז קראנק געווען, און ער האט פארגעסן וואס ער האט געלערנט. און אביי האט אים אייביג געדארפט דערמאנען, וואס ער האט געלערנט פון פריער. וועגן דעם געפונט מען די מערסטע ביי רב יוסף וואס האט געזאגט, לא שמיע לי, ער האט עס נישט געהערט, ביז מען האט אים דערמאנט, אז ער האט עס געזאגט. רב יוסף ווען עס איז געווען איעקר ליה למודיה, האט ער גענומען חיזוק פון די שברי לוחות, אז די שברי לוחות זענען אויך מונחים בארון, דאס איז טייטש, אז אפילו ער איז טאקע שברי לוחות, האט ער אבער נישט פארלוירן זיין חשיבות.

**פון** וואו נעמט זיך שברי לוחות? דאס נעמט זיך פון דעם וואס משה רבינו האט מוסיף געווען יום אחד מדעתו, און דורכדעם איז צוגעקומען אז מען האט געזינדיגט מיט דעם עגל, און משה רבינו האט צובראכן די לוחות, און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געהייסן אז מען זאל אריינלייגן די שברי לוחות אינעם ארון. פון דעם האט רב יוסף געהאט

דעם חיזוק, אז א תלמיד חכם שחלה, פון דעסטוועגן דאך דארף מען נישט מזלזל זיין אינעם חכם.

**עס** איז מעגליך אז דאס האט רב יוסף געזאגט אין די צייטן וואס ער איז נישט געזונט געווען. ווען עס איז געקומען שבועות, האט ער געזאגט, עבדו לי עגלא תילתא, מען זאל אים מאכן א עגלא תילתא, עגלא וועט דערמאנען אויפן עגל וואס יודען האבן געזינדיגט. וואס האט צוגעברענגט דערצו אז יודען האבן חוטא געווען אינעם עגל? תילתא. דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות יט-י) וקדשתם היום ומחר, און משה רבינו האט צוגעגעבן א דריטן טאג. און דער דריטער טאג וואס מען האט צוגעגעבן, האט דאך אפגעשטופט יעצט די פערציג טאג אויף שפעטער, און דאס האט צוגעברענגט דעם עגל. איז עבדא לי עגלא תילתא, מען זאל אים מאכן אן עגל, תילתא, ווייל דער יום השלישי, דאס האט צוגעברענגט דערצו. און נישט נאר עס האט צוגעברענגט צו מאכן דעם עגל, נאר עס האט אויך צוגעברענגט צו שבירת הלוחות נאכדעם. אמר, האט ער געזאגט, אי לאו האי יומא, ווען נישט דער טאג וואס משה רבינו האט צוגעגעבן, דקא גרים, וואס דאס האט דאך גורם געווען שברי לוחות, און פון שברי לוחות זעהט מען, אז א תלמיד חכם ששכח תלמודו פון דעסטוועגן דאך האט ער נאך אלץ א חשיבות. ווען נישט דאס, כמה יוסף איכא בשוקא. היינט קען איך דאך גארנישט לערנען, וויפיל יוסף'ס איז דא אזוי ווי איך היינט בשוקא וואס קענען נישט. אבער דורך דעם וואס עס איז דא די שברי לוחות, און די שברי לוחות זענען דאך מונחים בארון, איז אפילו היינט וואס איך געדענק נישט וואס איך האב געלערנט, פון דעסטוועגן דאך בין איך געבליבן מיט מיין חשיבות, ווייל שברי לוחות זענען אויך מונחים בארון.

*

**וואס** עס איז נוגע לענינינו. געווענליך לערנט מען פשט, שברי לוחות מונחים בארון, אז אפילו א זאך וואס האט אמאל געהאט א חשיבות, איז אפילו עס פארלירט די חשיבות, פון דעסטוועגן דאך איז מען נישט מזלזל דערין, עס האט נאך אלץ אין זיך עפעס, דאס וואס עס האט אמאל געהאט אין זיך דעם חשיבות. לוחות הראשונות איז טאקע צובראכן, אבער עס איז אמאל געווען לוחות הראשונות, דארף מען מחשיב זיין די לוחות הראשונות, און די שברי לוחות זענען מונחים בארון.

**אבער** דער פשט דערין איז אסאך טיפער. נישט נאר שברי לוחות מונחים בארון, ווייל עס האט אמאל געהאט א חשיבות. די שברי לוחות האבן נישט פארלוירן די חשיבות, אפילו ווען עס איז צובראכן געווארן. אונז ווייס מיר דאך, אז תורה דאס איז כי הם חיינו ואורך ימינו, אן תורה איז נישט דא גארנישט. יעדער יוד, אפילו דער פשוט'סטער יוד, זאגט דער רמב"ם (הל' תלמוד תורה א-ח), עס איז נישט דא קיין איין יוד וואס זאל זיך קענען פטר'ן פון לערנען תורה. יעדער יוד דארף קובע זיין עתים לתורה, בין עני בין עשיר, געזונט נישט געזונט, מאכט פרנסה נישט קיין בעל פרנסה, יעדער יוד דארף האבן קביעות עתים לתורה. און אסאך מאל איז מען מזלזל אין דער חיוב פון לערנען תורה, ווייל איך געדענק ממילא נישט וואס איך לערן. און וויפיל קען איך שוין לערנען, איך קען לערנען דארט די שעה איבערן טאג. איך ענדיג איין מסכת, און ווען איך הייב אן די צווייטע, האב איך פארגעסן וואס איך האב געלערנט פריער. ער פילט נישט אז ער האט אויפגעטון מיט זיין לערנען. און אז ער האט נישט אויפגעטון מיט זיין לערנען, איז ער מזלזל דערין.

**אבער** עס איז נישט אזוי. **יעדע ווארט תורה וואס א יוד לערנט, איז מקדש דעם יוד וואס האט געלערנט.** פונקט ווי יעדע מצוה וואס א יוד טוט, אפילו די מצוה איז אדורכגעגאנגען, פון דעסטוועגן דאך לאזט עס איבער אן הארה פון קדושה אויף דעם וואס האט געטון די מצוה. לימוד התורה איז נאך חשוב'ער, ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א), עס איז חשוב'ער ווי א מצוה. ווען א מענטש שאקלט לולב, ווילאנג האט עס גענומען, איין מינוט, ער האט גענומען דעם לולב, האט ער יוצא געווען. נאכדעם פארגעסט ער אפילו וואס ער האט געטון. אבער די הארה וואס די מצוה פון לולב לאזט אויף אים איבער, דאס איז הארה וואס בלייבט אנגעקלעבט אין דעם יוד אויף שטענדיג. וקדשתנו במצותיך, דער אייבערשטער איז מקדש א יוד מיט די מצות פון די תורה.

**די** זעלבע איז ווען א יוד לערנט תורה, אפילו פינף מינוט שפעטער האט ער פארגעסן וואס ער האט געלערנט, אבער בשעת ער האט געלערנט האט ער

מקיים געווען א מצוה פונעם אייבערשטען, די קדושה וואס די תורה לאזט איבער אויף דעם מענטש, דאס איז א ניצחיות, דאס גייט נישט אוועק. פונקט ווי נאכן שאקלען לולב גייט נישט אוועק די קדושה פון די הארה וואס די מצוה האט איבערגעלאזט אינעם מענטש, גייט עס נישט אוועק ביי תורה, אפילו שפעטער געדענקט ער נישט וואס ער האט געלערנט. און אוודאי אז ער געדענקט, האט ער צוויי מצוות. ער האט לימוד התורה, און ער האט ידיעות התורה. מען דארף קענען כל התורה כולה, אבער עס איז נישט מגרע אין חשיבות פון לימוד התורה, אפילו א מענטש האט געלערנט און ער געדענקט נישט שפעטער וואס ער האט געלערנט! ער האט היינט אוועקגעגעבן א פערטל שעה צו לערנען תורה, יעדע מינוט וואס דו האסט געלערנט, יעדע ווארט תורה וואס דו האסט געלערנט, האט דיך מקדש געווען! עס איז צוגעקומען צו דיר אן אנדערע קדושה מיטן לימוד התורה.

**א** תלמיד חכם ששכח לימודו, ער האט פארגעסן זיין לערנען, איז דומה צו די שברי לוחות. א תלמיד חכם ווען ער שלאפט, איז ער נאך אלץ א תלמיד חכם. עס פעלט גארנישט פון זיין תורה, ווייל יעצט ארבעט אים נישט דער קאפ, און יעצט קען ער נישט עוסק זיין בתורה. זיין קאפ איז דא, און דער תלמיד חכם איז דא, נאר עס ארבעט נישט יעצט, ער שלאפט. א תלמיד חכם ששכח תלמודו, ליגט די גאנצע תורה אין אים, ער איז נתקדש געווארן מיט קדושת התורה, וואס ער האט געקענט כל התורה כולה. די קדושה וואס זיין גוף איז נתקדש געווארן, דאס בלייבט א שטענדיגע נצחיות, וואס קען נישט אוועקגיין פונעם מענטש וואס האט געלערנט תורה. רב יוסף איז גארנישט קלענער געווארן, וויניגער חשוב געווארן, נאכדעם וואס ער האט פארגעסן זיין לערנען, ווי בשעת ער האט געדענקט כל התורה כולה. ווייל די קדושה וואס די תורה האט אים מקדש געווען, דאס בלייבט א נצחיות אין רב יוסף.

**און** דאס האט דער אייבערשטער אונז געלערנט מיט דעם וואס שברי לוחות מונחים בארון, אז אפילו ווען די לוחות זענען צובראכן, איז נישט אראפגעגאנגען די קדושה פון די לוחות. איינמאל עס איז אויפגעקריצט געווארן אויף דעם די ווערטער פונעם אייבערשטען, די לוחות איז מעשה אלקים, והמכתב מכתב אלקים (שמות לב-טז), איז געבליבן אין די לוחות א קדושה אויף שפעטער, אפילו ווען עס איז צובראכן געווארן. און עס איז נישט קיין חילוק, צו אין דעם ארון ליגן גאנצע לוחות, צו עס ליגן דארטן די שברי לוחות, ביידע זענען די זעלבע קדושה! יא דא אותיות, נישט דא קיין אותיות, עס איז נישט קיין נפקא מינה. די לוחות האבן געהאט אויף זיך כל התורה כולה, האט עס די חשיבות.

**עס** שטייט אין מדרש (הובא ברש"י דברים י-א), אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען אין די מלחמה, האט מען מיטגענומען דעם ארון, בשעת מען איז געגאנגען מלחמה האלטן. אין דעם ארון איז נישט געלעגן די לוחות, נאר די שברי לוחות זענען געלעגן אין דעם ארון, און מיט די שברי לוחות איז מען ארויסגעגאנגען פירן מלחמה. וואס האט די שברי לוחות צוגעהאלפן צו די מלחמה? עס איז דאך נישט קיין לוחות, עס איז נאר שברי לוחות. עס האט טאקע געהאט אמאל אויף זיך א קדושה, מען איז עס טאקע מחשיב וכדומה, אבער אויב עס איז נאר ווייל עס איז אמאל געווען א קדושה, וואס העלפט צו די שברי לוחות ווען מען גייט ארויס אין די מלחמה.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, אז די שברי לוחות איז גארנישט שוואכער געווארן פון די לוחות אליין. ווען א מענטש לערנט תורה, איז אפילו שפעטער געדענקט ער נישט וואס ער האט געלערנט, איז נישט אראפגעגאנגען די קדושת התורה, וואס אשר קדשנו במצותיו, וואס דער אייבערשטער האט אונז מקדש געווען מיט די מצות. יעדע ווארט תורה וואס א יוד לערנט, האט אים מקדש געווען. צו ער געדענקט, צו ער געדענקט נישט, איז דא די זעלבע קדושה. אז ער געדענקט האט ער נאך ידיעות התורה אויך דערצו, אבער עס האט נישט אוועקגענומען זיין קדושת התורה.

**רב** יוסף האט זיך געפריידט אפילו נאכדעם וואס איעקר ליה למודיה. און ער האט געזאגט, איך פריי מיך נאך אלץ מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, כאטש איך האב נישט היינט די תורה וואס איך האב אמאל געלערנט, אבער פון דעסטוועגן דאך עבדו לי עגלא תילתא, ווייל שברי לוחות זענען מונחים בארון, שברי לוחות האט אויך א חשיבות.

**דער** מוסר השכל דערפון איז. פונקט ווי ביי יעדע מצוה טראכט נישט א מענטש, וואס האב איך נאכדעם וואס איך האב געטון די מצוה, וואס איז געשעהן יעצט, וואס נעם איך מיט פון די מצוה. ניין! דו האסט מקיים געווען א מצוה, ביסטו נתקדש געווארן מיט די קדושת המצוה! יעדע ווארט וואס א יוד לערנט תורה, נאך א מינוט געלערנט, נאך א דבר תורה געלערנט, עס איז נישט די נקודה צו ער געדענקט עס שפעטער, צו נישט, ער איז נתקדש געווארן מיט קדושת התורה.

*

**די** גמרא (פסחים סח:) זאגט, אז עס איז דא א מחלוקת, צו יעדער יום טוב דארף זיין לכם, צו נישט. רבי אליעזר האלט אז מען דארף נישט מאכן קיין סעודת יום טוב, אויב מען וויל, קען מען עס מאכן אדער לכם אדער לה׳, ער קען אוועקגעבן דעם גאנצן טאג פאר תורה ותפלה. אמר רבי אלעזר, אבער כולי עלמא מודים, בעצרת בעינן לכם. שבועות איז יעדער מודה אז מען מוז מאכן א סעודה, מען מוז זיך פרייען לכבוד שבועות. מאי טעמא, ווייל עס איז יום שניתנה בו תורה, עס איז דער טאג וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, קען מען נישט יוצא זיין מיט קיין לה׳ אליין, עס מוז זיין ׳לכם׳.

**די** מפרשים שטעלן זיך, עס דארף האבן א ביאור, וואס איז טייטש, ווייל עס איז יום שניתנה תורה, דארף זיין לכם, אדרבה עס דארף ערשט זיין לה׳. מען וואלט געדארפט א גאנצען טאג זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען. און צום סוף זאגט מען, דו ביסט נישט יוצא דיין מצוה פון יום טוב, זיך צו פרייען מיט דעם יום שניתנה בו תורה, ווען דו וועסט זיצן אין בית המדרש דאווענען און לערנען, נאר דו מוזט זיך אראפזעצן צו א סעודה און עסן. וואס איז דער ענין אז עס מוז זיין לכם, דאס זאל זיין די סימן אויף די חשיבות פון יום שניתנה בו תורה. און רב יוסף האט געמאכט א עגלא תילתא, ווייל עס איז יום שניתנה בו תורה.

**די** תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איסער די קדושת התורה, און אויסער די מצוות התורה, וואס יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז מקדש א יוד. פונקט ווי א מענטש דארף עסן, ער דארף האבן פארשידענע מאכלים כדי ער זאל קענען זיין געזונט, אזוי אויך דארף דער נפש פון א יוד האבן זיין מזון הרוחני. און דער מזון הרוחני, דאס איז תורה און מצוות ומעשים טובים, כי הם חיינו ואורך ימינו. אויסער דעם, לאזט די תורה הק׳ איבער אויף א מענטש אויך אנדערע זאכן. עס איידלט אויס א מענטש. די תורה הק׳ נעמט דעם גוף, א גוף וואס גייט נאך תענוגים, א גוף וואס ליגט אין עולם הזה, און די תורה וואס א יוד לערנט, די מצוות וואס א יוד איז מקיים, איז מקדש א יוד, ער ווערט א אויסגעאיידעלט׳ער יוד. אלע מדות טובות וואס א מענטש דארף האבן, דאס קומט פון לימוד התורה, און פון מצוות התורה. וקדשתנו במצותיך, פונקט ווי א זאך וואס איז געווען חולין, און עס ווערט קודש, ווערט נשתנה די מציאות דערפון. אזוי אויך ווערט א מענטש נשתנה. זיין עסן איז אנדערש, זיין רעדן איז אנדערש, אלע זיינע עניני עולם הזה איז אויף אן אנדערע מדריגה.

**משה** רבינו איז געקומען, און ער האט געזאגט אין נאמען פון אייבערשטען, דער באשעפער וויל ענק געבן די תורה, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים, כי לי כל הארץ (שמות יט-ה), אפילו אין ארץ, אפילו אין ארציות, זענען מיר א סגולה מכל העמים! עס איז נישט דא אין אומות העולם וואס זאלן רעדן אזוי איידל אזוי ווי א יוד רעדט. ער זאל עסן, אזוי ווי א יוד עסט, מען קען נישט טרעפן אזאנס. ווייל די תורה איידעלט אויס א מענטש, אלעס איז ביי אים אנדערש.

**מען** זאגט, אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו, ורצית בנו, ורוממתנו מכל הלשונות, דער באשעפער האט אונז מרומם געווען פון אלע פעלקער. דאס ווארט לשון, מיינט א שפראך, און עס מיינט אויך די צינג. ורוממתנו מכל הלשונות, דער באשעפער האט אונז דערהויבן, אז אונזער צינג איז נישט אזוי ווי א צינג פון א גוי. אונז קען מיר נישט רעדן אזוי ווי א גוי רעדט, אונז רעד מיר איידל, און אונז טשעפע מיר נישט קיין צווייטן, אונז באליידיג מיר נישט דעם צווייטן, מען גיט אכט אויף יעדן ווארט וואס איז בין אדם לחבירו, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. ווייל די קדושת התורה איידעלט אונז אויס, אז אונז קען מיר זיך נישט פירן אזוי ווי א גוי פירט זיך. ביי א גוי איז

זיין גרויסקייט נאר וויפיל ער קען יענעם משפיל זיין, און וויפיל ער קען יענעם בארעדן וכדומה, אלץ מער איז ער א גרעסערער העלד. ביי אונז איז פארקערט, ביי אונז איז די חשיבות, ווען א יוד האט א איידעלע מויל, און ער רעדט ווי עס פאסט צו רעדן פאר א יוד, דאס קומט פון קדושת התורה. עס איז נישט נאר וקדשתנו במצותיך, דער אייבערשטער האט אונז מקדש געווען מיט די מצות, נאר ורוממתנו מכל הלשונות, אונזער שפראך איז א העכערע שפראך, אפילו מען רעדט נאר פשוט בין אדם לחבירו, רעד מיר אונז אנדערש ווי א גוי רעדט.

**און** כל שכן ווען עס קומט צו עסן, ווי אזוי א גוי פירט אפ א סעודה, און ווי אזוי יודען פירן אפ א סעודה. עס איז דאך אין ערוך, מען קען עס אפילו נישט צושטעלן איינס צו דאס אנדערע. דער גוי, ואכל ושבע ודשן, נאכדעם וואס ער האט אפגעגעסן, טוט ער כל עבירות שבעולם וכדומה, און יודען שטעלן זיך אויף פונעם טיש, שבת און יום טוב, מיט א דערהויבענקייט. די גמרא (מגילה יב:) זאגט ביי אחשורוש, ביום השביעי כטוב לב המלך ביין, אמר להביא את ושתי המלכה (אסתר א-י), פרעגט די גמרא, ועד עתה לא טב לביה ביין, נאר יעצט ביום השביעי איז געווען כטוב לב המלך ביין? הונדערט און אכציג טעג טרינקט ער שוין אזוי, וואס איז דער ביום השביעי. זאגט די גמרא, יום השביעי שבת היה, עס איז געווען שבת, און יודען זענען געזעסן ביי זיך אין שטוב, און מען האט עוסק געווען בשירות ותשבחות פארן אייבערשטען. און וואס האבן זיי געטון? מען האט אנגעהויבן צו רעדן פון די מדיות פון די פרסיות, און אחשורוש האט געזאגט כלי שאני משתמש בו איז א כשדי, און מען זאל ברענגען ושתי. ביום השביעי כטוב לב המלך ביין, דאס האט מעורר געווען אויבן אין הימל. מען האט צוגעקוקט ווי אזוי א יוד זיצט ביי א סעודה, און מען האט צוגעקוקט ווי אזוי א גוי זיצט ביי א סעודה. ווי נידריג מען זאל זיין, איז אין ערוך ווי אזוי א יוד קוקט אויס ביים עסן, און ווי אזוי א גוי קוקט אויס ביי זיינע סעודות.

**עס** שטייט אין **ויגד משה** (בהגדה של פסח בענין ד' כוסות) ער ברענגט צו פונעם **חתם סופר** (פ' האזינו ד"ה יצרנהו), ואכלתם אכול ושובע, והללתם את שם ה' אלקיכם אשר עשה עמכם להפליא (יואל ב-כו), זאגט ער, אז דער פשט אין פסוק איז, ביי א יוד איז ואכלתם אכול ושובע, אפילו ווען ער עסט, און ער עסט צו דער זעט, איז והללתם את שם אלקיכם, קומט ארויס א הלל נאכדעם פארן אייבערשטען. ער איז רוהיג, ער האט געגעסן, ער הייבט אן צו זינגען זמירות און דאנקען און טאנצן פארן אייבערשטען. און דאס איז אשר עשה עמכם להפליא, דאס איז א פלא וואס איז נישט דא ביי קיין שום אומה ולשון, אז נאך א אכול ושבוע, נאכן עסן, זאל זיין והללתם, דאס איז אשר עשה עמכם להפליא. נאר ביי אונז יודען איז דא אזא מציאות, אז נאכדעם וואס מען עסט, איז מען אנדערש פון א גוי. ווייל קדושת התורה איז נישט נאר די עצם תורה וואס מען לערנט, נאר דער קדושת התורה טוישט דעם מענטש, ער ווערט א אנדערער מענטש, ביים עסן, און ביים האנדלען, און ביי אלע עניני ארציות.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אזוי ווי כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים (פסחים נט:), קען מען פארשטיין א כהן זעצט זיך אראפ צו עסן א שטיקל פלייש, און דאס ברענגט די כפרה. יענער האט געטון אן עבירה, און ער ווערט נתכפר? נאר דאס איז דער כח פון א יוד. זיין עסן קען זיין א הייליג עסן, אן ערליך עסן, אזוי ווי כהנים וואס עסן, כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים. ואתם תהיו לי ממלכת כהנים, יעדער יוד האט דעם כח, צו זיין אזוי ווי די כהנים.

**ווען** מען זאל שבועות מאכן א זכר פארן יום טוב, אז מען גייט לערנען א גאנצן טאג, דאס איז נישט אויסגעשטעלט פאר יעדן איינעם זאל זיך קענען פרייען דערמיט. ליגט דען יעדער איינער אין תורה, האט דען יעדער איינער א טעם אין תורה, ער זאל קענען אוועקגעבן דעם גאנצן טאג פאר תורה הק'. עס וואלט נישט ארויסגעברענגט די חשיבות פון א יוד. אז מען וויל ארויסברענגען די חשיבות וואס יעדער יוד האט פארדינט מיט מתן תורה, לכולי עלמא בעינן 'לכם', יום שניתנה בו תורה. דיין לכם איז אנדערש ווי דער לכם פון א גוי! און דאס איז ביי יעדן יוד די זעלבע. צו דו ביסט צוגעקומען לה', צי דו האסט יא די כוחות זיך אוועקצוגעבן פאר תורה צו נישט, אבער אויף דיין עסן און דיין הנהגה גשמיות, דארפסטו דאנקען דעם אייבערשטען, אז דו שטעלסט דיך אויף פון א סעודה, איך האב זיך נישט אויפגעשטעלט ווי א גוי שטעלט זיך אויף פון א

סעודה. דאס איז יום שניתנה בו תורה, עס איז א טאג וואס מען האט אונז געגעבן די תורה, ווילן מיר ארויסברענגען, אז די תורה האט נישט נאר די חשיבות פונעם לימוד התורה, פון די חכמת התורה וואס איז דא, נאר די תורה ברענגט אונז אויך, אז אונזער עסן זאל זיין אנדערש ווי א צווייטער. אשר עשה עמכם להפליא, אז דער ואכלתם אכול ושובע, זאל זיין והללתם את שם אלקיכם. - וועגן דעם האט רבי אלעזר געזאגט, אלע ימים טובים אויב א מענטש וויל זיך מקדיש זיין פארן אייבערשטען, קען ער. אבער ווען דו ווילסט ארויסברענגען וואס תורה איז, לכולי עלמא בעינן לכם, ביי דיין 'לכם' דארט דערקענט זיך דער חילוק צווישן א יוד און א גוי, וואס די תורה האט ביי אים אויפגעטון.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת פז.), איינמאל שטייט אין פסוק (שמות יט-ח) וישב משה את דברי העם אל ה', ביי מתן תורה האט משה רבינו געברענגט די ווערטער פונעם פאלק צום אייבערשטען. און איינמאל שטייט אין פסוק (שם יט-ט) ויגד משה את דברי העם אל ה'. די גמרא שטעלט זיך פארוואס שטייט איינמאל 'וישב', און איינמאל שטייט 'ויגד'. זאגט די גמרא, אז פאר משה רבינו האט מפרש געווען די תורה, פאר ער האט אראפגעלייגט פאר יודען וואס תורה איז, האט ער זיי מפרש געווען עונשה, עטץ זאלטס וויסן אז עס איז דא א עונש אויף יעדע עבירה וואס מען גייט זינדיגן, ומתן שכרה, ער האט זיי אויך געזאגט די שכר וואס דער אייבערשטער גיט פאר די מצות. וישב משה את דברי העם, דרשנ'ט די גמרא, דברים שמשבבין דעתו של אדם, א זאך וואס טוט אפווארפן דעם מענטש. ווען מען הערט די עונשים, וויל מען נישט, פארוואס דארף מען מקבל זיין א תורה מיט עונשים. וישב משה את דברי העם, ער האט זיי קודם אראפגעלייגט די עונשים וואס האט אוועקגעשטופט יודען פון מתן תורה. נאכדעם ויגד משה, נאכדעם האט ער זיי געזאגט דברים וואס א מענטש איז מקבל כאגדה, וואס איז אנגענעם אזוי ווי אגדה, ער האט נאכדעם געזאגט מתן שכרה. - א צווייטע וועג זאגט די גמרא פארקערט, וישב משה את דברי העם, איז דברים שמשיבין דעתו של אדם, דאס איז די שכר. און נאכדעם האט ער געזאגט דברים קשים כגידין, דאס איז דער ויגד משה. על כל פנים ער האט זיי מסביר געווען שכרן ועונשן של מצות.

**ווען** דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ער זאל זאגן פאר יודען, אז ער וויל געבן די תורה פאר יודען, נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געענדיגט דעם גאנצן שמועס, שטייט אין פסוק (יט-ו) אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל. - משה רבינו האט אראפגעלייגט די עונשים פון די תורה. וואס איז די הארבסטע עונש, פון וואס וואלטן זיי געדארפט די מערסטע מורא האבן. אין די גמרא (פסחים לב:) איז משמע, אז כרת איז הארבער פון מיתה, כרת איז הכרת תכרת (במדבר טו-לא), הכרת בעולם הזה תכרת לעולם הבא, דאס איז דער גרעסטער עונש וואס איז שייך צו זאגן פאר א מענטש. א מענטש האט געזינדיגט, אפילו מען הרג'ט אים, מען נעמט אים אוועק פון די וועלט, ער האט נישט מער קיין חיי עולם הזה, אבער חיי עולם הבא האט ער, סוף כל סוף וועט ער אמאל צוקומען צו חיי עולם הבא. אבער ווען מען זאגט פאר א מענטש, דו קענסט טון אן עבירה, וואס דאס וועט זיין הכרת תכרת, דו וועסט קיינמאל נישט האבן קיין תיקון דערויף. דו וועסט זיין תכרת לעולם הבא, וואס מיר האבן דאך נישט קיין השגה וואס דאס מיינט, אז א מענטש ווערט אוועק געשניטן שפעטער, און ער קומט קיינמאל נישט צו, צו זיין תיקון, זיין נפש איז געווארן אוועקגעשניטן פון עולם הבא. איז דאך דאס דער גרעסטער סארט עונש וואס מען קען זאגן פאר א מענטש. דו זאלסט וויסן מען גייט דיר געבן א תורה, און דורך די תורה קענסטו צוקומען דערצו, אז הכרת תכרת, דו וועסט אויך פארלירן עולם הבא. - און פון דעסטוועגן דאך זענען יודען געווען גרייט מקבל צו זיין די תורה.

**די** משנה (כריתות ב.) זאגט, אז כרת איז דא אויף זעקס און דרייסיג עבירות. האט דער אייבערשטער געזאגט, אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל, אל"ה איז זעקס און דרייסיג. אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל, זאג פאר יודען, זיי זאלן וויסן אין וואס זיי גייען אריין, אז אויב ענק זענען מקבל די תורה, איז דא אויף זעקס און דרייסיג עבירות, וואס עס קומט די הארבסטע עונש פון הכרת בעולם הזה און תכרת לעולם הבא.

*

**און** עס איז א פלא, אין רש"י (שבת פז. ד"ה לכדתניא וד"ה ששי) שטייט, אז דריי טאג האט משה רבינו גערעדט

פון שכרן ועונשן של מצות. פון ווען מען איז אנגעקומען אויף סיני, האט ער איבערגע'חזר'ט דעם שכר מיט דעם עונש נאכאמאל און נאכאמאל. דריי טאג איינס נאך דאס אנדערע, האט ער גערעדט פון שכרן ועונשן של מצות. וואס אין פשטות זעהט אויס, אזוי ווי עס שטייט ביי די עקידה, ביום השלישי וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק (בראשית כב-ד), שטעלט זיך רש"י פארוואס האט דער אייבערשטער געווארט ביז ביום השלישי, און דעמאלטס האט ער געזעהן דעם הר. כדי מען זאל נישט זאגן הממו, דער באשעפער האט אים געזאגט ברענג דיין קינד, און ער האט נישט געכאפט וואס ער טוט, און ער האט געברענגט זיין קינד אויף די עקידה. האט דער אייבערשטער געווארט דריי טאג, ער זאל זיך בארוהיגן, און פון דעסטוועגן דאך האט ער געברענגט יצחק אויף די עקידה.

**מען** קען זאגן, אז משה רבינו האט אויך דריי טאג גערעדט פון שכרן ועונשן של מצות, ווייל מען וואלט געקענט זאגן, אז משה רבינו איז אראפגעקומען, און ער האט געזאגט אז דער אייבערשטער וויל געבן א תורה, און מען איז געווארן עקסייטעד'ט ווי מען זאגט, דער אייבערשטער וויל אונז געבן די תורה, אונז גיי מיר זיין א סגולה מכל העמים, האט מען זיך צוגעכאפט דערצו, און מען האט געזאגט נעשה ונשמע. ניין. משה רבינו האט זיך אראפגעזעצט, און ער איז אדורכגעגאנגען שכרן ועונשן של מצות, און אפילו הכי, אונז האב מיר אלעס געהערט, און רואיגערהייט זענען מיר צוגעגאנגען, אונז וויל מיר מקבל זיין די תורה.

**יודען** האבן נישט געקוקט אויף גארנישט, זיי האבן געהערט אלע עונשים, און מען איז עס איבערגעגאנגען דריי טאג, און פון דעסטוועגן דאך ווען זיי האבן אנגעהויבן צו הערן די שכר פון די מצות, ווי גרויס עס איז די שכר פון א יוד, ווען ער פירט זיך יא אויף ערליך, האט עס אזוי איבערגענומען די שכר פון די מצות, אז עס איז כדאי אריינצוגיין און מקבל זיין די תורה, וואס אפילו עס איז דא א מעגליכקייט צו פארלירן, הכרת תכרת, אבער עס קומט נישט צו, צו דעם שכר וואס א יוד וועט זוכה זיין לעולם הבא. אונז האב מיר דאך נישט קיין השגה אין שכר פון א מצוה, וואס דאס מיינט עין לא ראתה אלקים זולתך (ישעיה סד-ג), ווען א יוד פירט זיך אויף ערליך, און אויף יעדע מצוה וואס א יוד טוט, באקומט ער זיין חלק לעולם הבא אויף די מצוה וואס ער האט מקיים געווען. און דעם שכר, קען מען דאך נישט באגרייפן וואס דאס מיינט, מטילי ביה חנגא לבהדי דשכינתא, ווי אזוי עס וועט אויסקוקן אינעם עולם הבא צוזאמען מיטן אייבערשטען. עס איז נישט דא קיין טוב נצחי, מען רעדט דאך פון נצחיות! עס איז נישט קיין זאך וואס עס פארגייט, עס בלייבט אויף שטענדיג די טוב וואס מען איז זוכה אין עולם הבא.

**ווען** מען טראגט אן פאר א מענטש צו טון א ארבעט, וואס פון איין זייט איז מעגליך אז דו וועסט זיך אריינלייגן אין א סכנה וכדומה, און דו וועסט פארלירן דיין לעבן, אבער פון די אנדערע זייט זאגט מען דיר צו ביליאנען, אויב דו וועסט עס אדורכפירן. קיינער וואלט נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן וואס איז דא, און אויף די סכנה, ווייל דער גרויסער שכר וואס ער גייט באקומען דערויף, וואלט אים איבערגענומען אז ער זאל עס טון. די זעלבע איז געווען ווען דער אייבערשטער האט אונז אראפגעלייגט קודם עונשן ושכרן של מצות. די עונש איז זייער גרויס, אבער דו זאלסט וויסן דער שכר וואס דו גייסט באקומען, דאס איז אסאך און אסאך גרעסער. און יודען זענען איינגעגאנגען דערויף, אז אפילו דער עונש איז גרויס, פון דעסטוועגן דאך לוינט זיך מקבל צו זיין די תורה, וועגן דעם געוואלדיגן שכר, וואס אונז האב מיר נישט קיין השגה וואס דאס מיינט.

**דאס** דארף געבן חיזוק פאר יעדן יוד, **אפילו עס קומט אויס שוועריקייטן, און אפילו עס קומט אויס זמנים וואס ער האט נסיונות וכדומה. ווען ער איז זיך משים על הלב, אויף די געוואלדיגע שכר וואס ווארט אים אפ שפעטער, דעמאלטס גיט עס אים דעם חיזוק, ער זאל קענען ווייטער גיין.** הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, זאגט די משנה (אבות ב-א), אפילו אמאל דורך א מצוה האט מען א הפסד, ער האט שאדן. וואס האסטו שאדן געהאט, דו האסט שאדן געהאט א תענוג פון די וועלט פון א פאר מינוט. דו האסט שאדן געהאט געלט, וואס די געלט איז פארגענגליך, דער גאנצער מענטש איז פארגענגליך. - אבער כנגד שכרה! דו גייסט באקומען שכר פון עולם הבא, וואס עס וועט זיין נצחי לעולם ועד!

וואס יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה (אבות ד-יז).

**משה** רבינו האט אראפגעלייגט עונשה, אבער ווען ער האט נאכדעם אראפגעלייגט שכרה, האט דער שכר איבערגעוועגט, און יודען האבן געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, אונז זעמיר גרייט מקבל צו זיין די תורה. א יוד דארף זיך מתבונן זיין אין דעם געוואלדיגן זכות וואס ער האט, יעדע מצוה וואס ער טוט, און יעדע קלייניגקייט וואס מען טוט פארן אייבערשטען, ווערט פארשריבן. און דער שכר לעולם הבא איז אזוי גרויס, אז עס איז כדאי זיך אריינצולייגן און מקבל זיין א תורה, אפילו די עונשים זענען גרויס.

**ווען** א מענטש ארבעט, שטייט אין פסוק (דברים כד-טו) ביומו תתן שכרו, ולא תבא עליו השמש, מען דארף באצאלן פארן ארבייטער אין דעם טאג, כי עני הוא, ואליו הוא נושא את נפשו. טייטשט רש"י, ואליו הוא נושא את נפשו, ער האט געארבעט פאר דיר, און ער לייגט זיך אריין אין א סכנה, אסאך מאל גיט ער אוועק זיין נפש, ער גייט ארויף אויף א לייטער, וואס איז מעגליך אז ער וועט אראפ פאלן. נתלה באילן, ער גייט ארויף אויף א בוים, און עס איז מעגליך אז ער וועט אראפ פאלן פון דארט. ער איז נושא את נפשו, ווען ער טוט פאר דיר א ארבעט. זאגט די תורה, ביומו תתן שכרו. דאס איז טייטש, אז א מענטש איז גרייט זיך אריינצולייגן אין א סכנה, כדי ער זאל באקומען וואס מען וועט באצאלן דערפאר פאר א טאג ארבעט. און ווען מען רעדט נאך פון א שכר וואס איז נצחי נצחים, דארף א יוד פילן די געוואלדיגע שמחה וואס ער קען טון דעם רצון ה', און עס איז כדאי די אלע שוועריקייטן וואס מען דארף אדורכצוגיין. און לפום צערא אגרא (אבות ה-כב) ווי שווערער די מצוה איז, אלץ גרעסער איז דער שכר.

*

**עס** שטייט אין **בעל הטורים** (שמות כ-יד), אז אין די עשרת הדברות איז דא זעקס הונדערט און צוואנציג אותיות, כמנין כת"ר, ווייל עס איז דא תרי"ג מצות התורה, און שבע מצות בני נח. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די עשרת הדברות אויפן בארג סיני, יעדע אות פון די עשרת הדברות, איז כולל אין זיך א מצוה. אלע תרי"ג מצות התורה, מיט די שבע מצות בני נח, אלעס ליגט אין די עשרת הדברות. עשרת הדברות איז נישט נאר די צען דברות וואס מען האט געהערט, נאר כל התורה כולה, אלעס ליגט אין די עשרת הדברות. אפילו אונז זעה מיר נישט מער ווי די עשרת הדברות, אבער אינעווייניג, על כל קוץ וקוץ איז דא תילין תילין של הלכות. דער אייבערשטער האט אונז היינט געגעבן די טעכניק, אז מען זאל עס קענען אביסל פארשטיין. ווען א מענטש קוקט אויף א סקרי"ן, און ער זעהט דארט אן אות וכדומה, ער זעהט נאר פאר זיך איין אות, אבער ווען ער גיט א דרוק, קומט ארויס פון דעם איינעם אות, טויזענטער טויזענטער ביכער. דו האסט דאך גארנישט געזעהן, דו האסט נאר געזעהן אן אות. יא, אבער אין דעם אות, ווען דו גריבלסט ווייטער, קומסטו צו, צו נאך. - להבדיל אלף אלפי הבדלות, תורה הק', אין די דברות וואס דער אייבערשטער האט געשריבן, איז דא אין יעדע אות די מצות התורה. אלעס וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז געלעגן אין די לוחות.

**די** לוחות הראשונות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז געווען זייער גרויס. אלמלא נשתברו הלוחות, ווען מען וואלט עס נישט צובראכן, וואלט נישט געווען קיין שכחת התורה. יעדער וואס ער האט געלערנט, וואלט דאס געדענקט אויף אייביג, עס איז נישט דא קיין שכחה (עירובין נד.). דער מלאך המות וואלט נישט שולט געווען, און עס וואלט נישט געווען קיין מיתה, נאכדעם וואס מען האט מקבל געווען די תורה (עבודה זרה ה.). כל אומה ולשון וואלט נישט שולט געווען אויף יודען, חרות על הלוחות (שמות לב-טז), אל תקרא חרות אלא חירות (ויק"ר יח-ג), אלע ברכות איז געווען אין די לוחות הראשונות, ווייל אין תורה ליגט אלע ברכות. די וועלט איז באשאפן געווארן מיט די תורה, די וועלט האט נאר א קיום מיט תורה, מיט תורה הק' קען א מענטש איבערדרייען אלעס וואס איז דא אין די וועלט. דאס איז געווען די לוחות הראשונות. אבער אין די לוחות האחרונות איז שוין דא שינויים, עס איז שוין נישט דא אלעס אזוי ווי ביי די לוחות הראשונות.

**אין** די לוחות האחרונות איז דא מער אותיות ווי אין די לוחות הראשונות. אין די לוחות הראשונות איז דא זעקס הונדערט און צוואנציג אותיות, אין די לוחות האחרונות איז דא זיבן הונדערט און דרייצן אותיות.

דריי און ניינציג אותיות מער, איז דא אין די לוחות האחרונות ווי אין די לוחות הראשונות. איך האב נישט געזעהן קיין ביאור דערויף, אויב איז אויסגערעכנט כת"ר אותיות אקעגן די תרי"ג מצות, וואס איז נשתנה געווארן ביי לוחות אחרונות, אז עס איז צוגעקומען מער אותיות אין די עשרת הדברות. עס איז נישט דא מער פון תרי"ג מצות התורה, וואס האט צוגעגעבן די איבריגע אותיות וואס איז דא.

**עס** קען אפשר זיין, ווילאנג עס איז געווען דברות ראשונות, האט יעדער יוד געקענט אויפטון מיט די תורה הק', אלעס וואס ער דארף צו האבן. ער האט נישט גענדארפט קיין תפלות אקעגן די פיינט, קיין אומה ולשון וואלט נישט געקענט שולט זיין אויף אונז. מיר האבן געהאט די דברות הראשונות, וואס דאס איז די לחם פונעם אייבערשטען, עס וואלט געווען לחם, עס וואלט געווען פרנסה. אין די דברות הראשונות איז דא אלעס וואס א מענטש דארף צו האבן. ווען עס איז צוגענומען געווארן די דברות הראשונות, איז צוגענומען געווארן חלקים פון די תורה, און דער כח וואס תורה האט, אז עס זאל שולט זיין אין די וועלט, איז נשתבר געווארן, עס איז צובראכן געווארן. עס איז צוריק געקומען די זוהמה, דער מלאך המות איז צוריק געקומען, עס האט זיך צוריק אויסגעשטעלט א גשמיות'דיגע וועלט דורך די שבירת הלוחות.

**און** כדי מען זאל זיך קענען האלטן, דארף מען שוין האבן נאך זאכן אויסער תורה, וואס דאס איז עבודה. עבודה דאס איז עבודת הקרבנות. ארגינעל איז געווען עבודה אין בית המקדש, וואס עבודה האט געהאט אזא חשיבות ווי תורה, צו גרעסער ווי תורה (עיין מגילה ג.). אונז האב מיר נישט היינט קיין בית המקדש, אונז האב מיר נישט קיין קרבנות, אבער אונז האב מיר תפלה, דאווענען, במקום פון די עבודה. די דריי תפלות וואס א יוד דאווענט יעדן טאג, דאס איז אקעגן תמיד של שחר, תמיד של בין הערבים, און אברים ופדרים, און מיטן דאווענען קען א יוד אויספועל'ען אלעס וואס ער דארף צו האבן. וואס מען האט אמאל געקענט צוקומען מיט תורה אליין, מוז מען היינט האבן דערצו די כח התפלה, מעורר זיין די עבודה פון די קרבנות, כדי א מענטש זאל קענען צוקומען צו וואס ער דארף צו האבן צו זיין שלימות.

**די** גמרא (ברכות ו:) רופט אן תפלה, אז עס איז דברים העומדים ברומו של עולם, ובני אדם מזלזלין בהם. ווען מען וואלט געוואוסט וואס א תפלה איז טייטש, וואס עס מיינט צו זאגן ווען מען בעהט עפעס פונעם אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו יעדע תפלה, קיין שום תפלה גייט נישט לאיבוד, און וואס א מענטש קען אלץ אויספועל'ן מיט זיינע תפלות, וואלט מען מער משים לב געווען. מען קומט אין בית המדרש דאווענען, נישט אפצוכאפן דאס דאווענען, נאר ליגן אין די ווערטער פון די תפלה, זיך מתבונן זיין אין די ווערטער וואס מען זאגט, און צולייגן די הארץ צום דאווענען.

**ווילאנג** עס איז געווען דברות ראשונות, איז עס נישט געווען אזוי וויכטיג. מיט די דברות הראשונות, מיט תורה, האט מען געקענט אלעס פועל'ן. ווען עס איז געווארן שבירת הלוחות, מוז מען אויך האבן די כח פון 'עבודה', פון קרבנות, פון תפלה, וואס דאס זאל צוברענגען דעם שלימות, תורה מיט עבודה, אז א מענטש זאל קענען אדורכגיין וואס ער דארף צו האבן אין עולם הזה.

**די** משנה (תמיד ג-ד) זאגט, אז יעדן צופרי, ווען מען איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און מען האט צוגעגרייט די כלי שרת וואס מען דארף האבן צו די עבודה, האט מען צוגעגרייט דריי און ניינציג כלי שרת, צו די עבודה וואס מען דארף האבן אין בית המקדש דעם טאג. דער ברטנורא זאגט אויפן פלאץ, איך ווייס נישט פארוואס מען האט גענדארפט האבן דריי און ניינציג כלים. און ער שרייבט, אז ער האט געטראפן א רמז אין ירושלמי (חגיגה ג-ח), אז עס איז דא דריי און ניינציג שמות, און אנטקעגן דעם האט גענדארפט זיין דריי און ניינציג כלי שרת. על כל פנים, עס איז א העכערע ענין פארוואס עס האט אויסגעפעלט צוצוגרייטן יעדן טאג צו די עבודה פון די קרבנות דריי און ניינציג כלי שרת.

**דער** אייבערשטער האט אונז געוואלט וויזן, די דברות הראשונות זענען צובראכן געווארן, און איך געב ענק דברות אחרונות, דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט דריי און ניינציג אותיות צו די דברות האחרונות, וואס דאס איז אקעגן די דריי און ניינציג כלי שרת וואס מען האט גענדארפט האבן אז די

קרבנות זאלן נתקבל ווערן. דער אייבערשטער האט אונז געוואלט ווייזן, אז נאך די דברות הראשונות דארף מיר אונז האבןביידע. אוועקגעבן צייט פאר תורה, און אוועקגעבן צייט פאר תפלה. דברות אחרונות האט אין זיך כולל געווען סיי כת"ר אותיות התורה, וואס דאס איז די כת"ר מצות. און עס איז צוגעגעבן געווארן דערצו דריי און ניינציג אותיות, אקעגן די כלי שרת וואס מען דארף האבן צו די עבודה. און דורך ביידע צוזאמען, קען א יוד צוקומען ער זאל קענען האבן וואס ער דארף צו האבן.

*

**תמצית** הדברים, מען האלט יעצט ביים אוועקגיין פון דעם יום טוב, מען דארף מיטנעמען פון דעם יום טוב, אז לימוד התורה וואס מען לערנט, אפילו מען פארגעסט וואס מען לערנט, פון דעסטוועגן דאך, די קדושת התורה ווערט איינגעזאפט אין יעדן יוד. אשר קדשנו במצותיו, אונז זענען נתקדש געווארן מיט די מצוות. יעדעס ווארט וואס א יוד לערנט איז אים מקדש, רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצות (אבות ו-טו), דער באשעפער האט אונז מרבה געווען מצות, אז וואו אונז ריר מיר זיך, קען מען טון עפעס אין תורה און מצות, ווייל יעדע מצוה וואס מען טוט, לאזט איבער א קדושה. - ורוממנו מכל לשון, דער באשעפער האט אונז מרומם געווען, און דורך תורה הק', איז ביי אונז די רעדן אנדערש, די שפראך איז אנדערש, און דער ציינג וואס עסט איז אנדערש, נישט אזוי ווי דער גוי. און אויף דעם מאכן מיר דעם זכר, אז עס איז א יום שנתנה בו תורה, דארף עס זיין לכם.

**זיך** מתבונן זיין, די עונשן של מצות זענען זייער שטארק, אבער שכרן של מצות האט איבערגעוועגט. זיך מתבונן זיין וויפיל שכר עס ווארט אונז אפ פאר יעדע מצוה וואס מען טוט. און דאס גיט די כוחות הנפש דערצו, אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין, הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה.

**און** מען האט געענדיגט, אז די דברות אחרונות לערנען אונז, אז עס דארף זיין אויך דער כח פון תפלה, דאווענען. עס קומט א זומער, און מען האט אביסל מער צייט פון וויפיל מען האט צייט אן אנדערס מאל איבערן יאר, דארף מען עס אויסנוצן סיי אויף תורה, און סיי אויף תפלה. די פרייע צייטן וואס מען האט, זאל מען מרבה זיין אין לימוד התורה. און די שעות וואס זענען מיוחד לתפלה, דארף מען ליגען אינעווייניג אין די תפלה וואס מען איז מתפלל. און אז מען דאווענט ערליך, איז דער אייבערשטער מקבל אלעס וואס מען בעהט.

**דער** באשעפער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען מיטנעמען די השפעות פונעם יום טוב. די תורה וואס אונז האב מיר מקבל געווען, זאל נישט זיין ווי א אלטע זאך וואס אונז טו מיר עס נאר ממשיך זיין, נאר עס זאל זיין מיט א פרישן התחדשות, אנהייבן מיט א ניי-קייט, כאילו מיר זענען היינט געווארן, היום הזה נהיית לעם לה' אלקיך (דברים כז-ט). מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. אלע השפעות וואס תורה ברענגט מיט זיך מיט, זאל אונז באגלייטן אויף א גאנץ יאר. מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.